STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00461

SHVAYGNDIKE TIRN

R. Zychlinsky

Permanent preservation of this book was made possible by
Florence Lipman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שווייגנדיקע טירן

רייזל זשיכלינסקי

שווייגנדיקע טירן

לידער

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון יידישן פּ.ע.נ.־קלוב

ניו־יאָרק 1962

RAJZEL ZYCHLINSKA

SHVAYGNDIKE TEERN

Silent Doors

Poems

Copyright 1962 *by*
RAJZEL ZYCHLINSKA
321 West 100th Street
New York 25, N. Y.

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער

Printed in the U. S. A. by
Shulsinger Bros. Linotyping & Publishing Co.
21 East 4th Street, New York 3, N. Y.

וועגט

עס ציטערט דער ים

עס ציטערט דער ים
אויף מיין ברעם ;
נעם מיך אהיים,
נעם אהיים.
נעם אריין מיך אין דיין טרער,
אין א סטראָף פון דיין ליד —
נעם מיך מיט !

וואָס שווימט דאָרט אויפן האָדסאָן ?

וואָס שווימט דאָרט אויפן האָדסאָן
אין רויטן ליכט ?
ווער שרייט דאָרט — ראַטעווע,
מיר גייען אונטער —
דאָס זיינען די טויטע מיינע,
די פאַרברענטע,
וואָס גייען אונטער נאָך א מאָל
אין מיין זכרון.

ניו־יאָרק

ס׳איז גוט צו וואַנדערן אין ניו־יאָרק —
טיף אונטערן ים,
צווישן שיפן מיט גאָלד און מיט טרויער;
פלאָנטערן זיך צווישן רעוועגדיקע פיש —
די שוואַרצע קאַדילאַקס און פאָרדס.
ראַטעווען זיך נעבן מאַרמאָרענע בענק,
וואָס היטן אוצרות פון פאַרשטיינערטע פרינצעסינס;
פרעגן עפּעס ביי אַ גרינעם בריוו־טרעגער,
פרעגן אויף אַ גאַס
און גאָרנישט גיין זוכן די גאַס,
אַריינגיין אין ליידיקע און נאַכטיקע פּאַרקן
און וואַרטן אויף אַ רויבער, אויף אַ בוים,
אָנוואַרעמען מיט אַ פינגער קאַלטע מאָנומענטן,
וואָס קענען נישט שטאַרבן.

פון אַלע פּנימער

פון אַלע פּנימער, וואָס האָבן מיך צעשלעפּט
אַ גאַנצן טאָג,
איז געבליבן איין פּנים,
צו וועלכן כ'האָב זיך פאַראַנקערט.

פון אַלע קולות, וואָס האָבן מיך
פאַרשריגן,
איז געבליבן איין קול,
אין וועלכן איך ציטער.

פון אַלע וועגן, וואָס האָבן מיך
פאַרפירט,
איז געוואָרן די שטאָט,
מיט אירע גאַסן,
סקווערן
און טונעלן.

ווינקלען פיר

דער ים האָט אַלע גרענעצן פאַרגאָסן,
די נאַכט האָט אַלע וואָקזאַלן אויסגעלאָשן.

כ׳האָב ליב די ווינקלען פיר.
זיי נעמען מיך אַרום, אַרום.
און ווען איך וועל אַרויס אין דרויסן,
אין אייביקן,
און דער רעגן וועט אויסטרינקען
מיין גוף, דעם שטויביקן,
אָ, לאָז מיך, גאָט, אומקערן
אויף אַ רגע נאָר,
צו ווינקלען פיר.

אַ פרעמדער

אַ פרעמדער איז אַדורכגעגאַנגען.
מיט בענקשאַפט קוקט אים נאָך דער וועג.
ווער איז ער,
ווו איז ער אַוועק?
די בלעטער שאַרן
טראַכטענישן פון זיינע טריט;
נאָוועמבער,
איך רין אוים אין דיין בלוט.
איך גרין אוים אין דיין געלקייט,
איך גיי אוים אין דיין פלאַם,
איך גרוי אוים אין דיינע טויטע פייגל.

ער איז אַוועק, דער פרעמדער.
מען זעט אים שוין נישט מער.
ביז אַ שניי וועט אראָפּפאַלן —
און טרייסטן וועט זיך דער וועג.

אויף אַ וואָקזאַל

ס'קען זיין, אַז איך האָב היינט
מיט מיינע וואַקלענדיקע טריט
אויף אַ וואָקזאַל
עמעצנס גורל געחתמעט,
עמעצנס גורל געשטראָכן,
געהאָלפֿן אפשר די געבורט פֿון אַ קינד,
אָדער פֿאַר'משפּט צו אייביקעליידן
אַ פֿעלד.

אין פֿרימאָרגן ווייסע שעהן,
צווישן מענטשן, פּעק און פֿרעמדע שטעט
האָב איך מיך אַרומגעדרייט איבער אַ וואָקזאַל
און זיך נישט געקענט געפֿונען.
פּינקטלעך זיינען אָנגעקומען
און אָפּגעגאַנגען צוגן.
ווייטע דערפֿער, ווייטע העק
האָבן געשריגן אין סירענען
און געוואָרן שטיל.
די ווייזערס פֿון דעם וואָקזאַל-זייגער
האָבן זיך גערוקט
מיט אַזוי פֿיל דראָען, מיט אַזוי פֿיל שרעק —
און די רעלסן האָבן געזוכט מיך
צו צעשניידן.

ווענט

ווען מיר וואָלטן געוווּסט וועגן זיך,
וואָס עס ווייסן וועגן אונדז די ווענט !
זיי זענען די האַרן
פון אונדזער לעבן און אונדזער טויט.

יעדן פרימאָרגן גייען מיר אַוועק
ביזן סוף פון דער וועלט.
מיר מאַכן לאַנגע רייזעס
איבער גרינלעך־געלע בלעטער,
מיר מעסטן אויס די קנייטשן
אויף דעם פּנים פון דעם גערטנער.
מיר לאָזן זיך פירן פון זיין קליינעם וואָגן,
פון זיין וואַרעמען קול.
מיר שטעלן זיך אָפּ
נעבן אַ גרויער טויב.
מיט איר רונדן קאָפּ גלעט זי אויס
אַלע סתירות פון דער וועלט.

פאַר נאַכט קומען מיר צוריק
צו די שווייגנדיקע,
צו די געטלעכע ווענט.

כ׳צי אוים דעם טאָג

כ׳צי אוים דעם טאָג לאַנג,
ביז די בלומען קלאַפּן אין די שויבן
מיט שוואַרצע פליגל —
און די בענקלעך קריכן אַרויף אויף מיר.
דעמאָלט צינד איך אָן די לאָמפּ.
ווידער פליסט דאָס וואַסער
רואיק אין שפּיגל,
די בענקלעך שטייען געמיטלעך
אין די ווינקלען,
און די בלומען אויף די פענצטער
שלאָפן איין —
מיט גרויע בלעטער.

אָפן לאָזן מיר, אָפן

אָפן לאָזן מיר, אָפן,
ביינאַכט אונדזערע טירן,
ווען מיר ווערן קראַנק:
אפשר וועט אַ שכן ברענגען די היילונג,
דער ווינט,
אַ הונט?
אפשר דאָס היהלע,
וואָס מיר האָבן באַגעגנט
מיט איין אויג?
און ווו איז דאָס צווייטע אויג,
ווו?
מיר ליגן מיט קלאַפּנדיקע הערצער
אין דער פינצטער —
און וואַרטן אויף טריט.
מיר פאַרשליסן די טירן,
ווען מיר ווערן געזונט.
עס שרעקט אונדז יעדער שאָרך,
וואָס פאַרגלייווערט ביי דער טיר.
איז עס אַ גזלן, אַ רוצח?
ש־ש־ש, דאָס איז בלויז אַ שטערן,
וואָס האָט זיך אויסגעלאָשן אין דער הייך.

אָפּטמאָל ברומט דער ווינט

אָפּטמאָל ברומט דער ווינט
אין שוואַרצן טעלעפאָן.
ענטפערן אים די פוסטע פלעצער
פון דער שטאָט —
מיט שטיקער אייזן,
שטיינער
פון אַן אַלט, צענומען הויז,
אַ האַלבע וואַנט,
מיט נאָך וואַרעמע געמעלן,
און גרינע שטיקער גלאָז, —
און אַמאָל ענטפערט אים אַ מענטש —
הויך און גרויס
ווי גוג ומגוג.

מיין שכן

קעגנאיבער מיין פענצטער
שווימט אַ פענצטער,
קוקט אַרויס דאָרט אַ מענטש
אין אַלע צייטן פון טאָג —
אַ ווייס העמד,
אַ גאָלער קאָפּ —
היט ער די גאַס
און היט מיך פון טויט.
אין דער פרי — איך צי אַרויף דעם פאָרהאַנג,
אין אָוונט — איך לאָז אים אַראָפּ —
מיין שכנס אויגן וואַכן און לויערן
און האַלטן חשבון פון אַלץ,
וואָס כ'פאַרמאָג.

אָפטמאָל טראַכט איך
וועגן מיין שכן:
איז ער אַ שטיין,
וואָס כ'האָב פאַרגעסן ביים וועג?
איז ער דער געשפּענסט,
וואָס האָט מיך געשראָקן
אַמאָל אין דער פינצטער,
אין די בראשית־טעג?

קעגנאיבער מיין פענצטער
שווימט אַ פענצטער,
קוקט אַרויס דאָרט אַ מענטש
אין אַלע צייטן פון טאָג;
אַ ווייס העמד,
אַ געלער קאָפּ —
היט ער די גאַס
און היט מיך פון טויט.

גייסטער

דרייען זיך אַרום אַלטע לייט —
גייסטער.
זיי גייען אַריין און אַרויס,
דורכזיכטיק,
פון נאַכט צו נאַכט,
פון שווייגן צו שווייגן,
און קיינער זעט זיי נישט.
און קיינער הערט זיי נישט.
פאַרטשעפּען זיי זיך אַמאָל אין אַ צווייג —
הענגען זיי לאַנג,
ביז ס'קומט אַ פויגל און נעמט זיי אַראָפּ
אין רעגנדיקע טעג.

דרייען זיך פּלאַנעטן אַרום —
געפענטעטע פערד
אין אייביקן קרייז.
זיי וואַרפן לאַנגע שאָטנס
צו יענער זייט.
זיינען זיי קערפּער,
זיינען זיי גייסט?
זיי גייען אַריין און אַרויס,
דורכזיכטיק,
פון נאַכט צו נאַכט —
אַלטע לייט —
גייסטער,
שאָטנס פון ווייסער איינזאַמקייט.

אינדזלען

א וואָלקן האָט זיך אויסגעצויגן
אויף אַלע פיר
און ווייסט נישט,
אויסדרייען דעם האַלדז,
אָדער נישט ?
צוויי פרויען זיינען איינגעשלאָפן
ביי אַ טיש.
אין זייערע גרויע קעפּ
וואָרצלען הויכע, נאַסע ביימער,
שפּיצן פייגל.
פון זייערע חלומות שיילן זיך אויס
אינדזלען —
אויף ווייטע, פאַרנעפּלטע ימען.

ליידיקער סאָבוויי

לײדיקער, בײטאָגיקער סאָבוויי
איז פֿול מיט גײַסטער
פֿון מענטשן וואָס האָבן געזאָגט זיך,
געאײַלט אין פֿריען אינדערפֿרי
און וועלן זיך אײַלן פֿאַרנאַכט.

לאַנגע, הײסע נעגערס פֿרעסן מיך
אין לײדיקן וואַגאָן.
גרויע פּרויען פֿון די שעפֿער
ווערגן מיך
מיט בײַנערדיקע הענט.

אײַזערנע, אָפּגעריבענע טרעפּן
פֿירן אַרויס מיך פֿון לײדיקן סאָבוויי.
מיליאָנען גײַסטער שלײַפֿן זיי מיט פֿיס
יעדן פֿאַרנאַכט,
יעדן אינדערפֿרי.

אַ בעטלער

דער הימל איז פּלוצלונג גרוי געוואָרן:
אַ בעטלער איז אַרויף
אין זיינע גרויע קליידער.
ציען נידעריק און דראָענדיק וואָלקנס
איבער דער שטאָט.
איך שטעל זיך דאָרט,
ווו דער בעטלער איז געשטאַנען
און געבעטלט;
ס'איז איצט דאָס הייליקסטע
און זיכערסטע אָרט.

אַ נעגער איז איינגעשלאָפן

אַ נעגער איז איינגעשלאָפן
אויף אַ גאַס.
שלייפן ליכטער פון דער ניו־יאָרקער נאַכט
דעם חלום פון שוואַרצן,
וואָס איז עלטער
פון מצרים.
מאַנעקינען
טאַנצן אום אים
אויף די גאַסן.
וואָלקנקראַצערס
טראָגן אים
אויף זילבערנע טעלער
צום הימל.

דאָס ײַלעך און דער פרעמדער

ס'האָט אַ מענטש דאָ געגעכטיקט
אַ נאַכט,
טרויערט נאָך אים אַ ײַלעך.
גלײַכגילטיק זײַנען די ווענט,
פֿאַרגעסן האָט אים שוין די טיר,
נאָר דאָס ײַלעך שרעקט זיך
און בענקט נאָך דעם פרעמדן.

ג ר ו י ע נ ע ג ע ר ס

גרויע, הויכע נעגערס אין ניו־יאָרק —
אַקסלען אַראָפּגעלאָזענע,
שוואַרצע גליענדיקע אויגן
אויפֿן אָפּגעבריענטן סטעפּ.
לאַנג קוק איך נאָך
זייער פּראָסטיקן פּלאַם,
ביז אַליין איך לעש מיך אויס,
און ווער נישטאָ.

די עמפּייר־בילדינג

וווהין וועט מיך פאַרפירן דער סאַבוויי ?
די ליפּן פון נעגער זאָגן צו
אַ זוניקן אינדזל.
די אויגן פון מאַן
אין ברוינעם הוט
שרעקן מיט קאַלטער אַרקטיק.
דאָס מיידל מיט דער צייטונג
שוואַנגערט מיט אַ מערדער.
אַן עלטערער מאַן דרימלט.
ליכטער ,רויטע, גרינע,
וועקן אין מיר תהומען.
די רעלסן שרייען,
שאַרפן אַן אַ הימל.
אויף עפּעס אַ סטאַציע
האָט געוואָרנט אַן איינזאַמער סילועט
פון אַ פרוי — —
גלייב זיי נישט !

ווען איך בין אַרויף
אויפן זעכצנטן שטאָק
און די עמפּייר־בילדינג
האָט אַריינגעבלויט אין פענצטער —
האָב איך געטראַכט,
אַז ס'האָט מיך קיינער אין סאַבוויי
נישט אָפּגענאַרט.

צו ווייטע האַפנס

איך שווים צו ווייטע האַפנס.
דאָרט וואַרטן מענערישע הענט
אויסצולאָדן די לאַדונג:
די פולע זעק מיט נעפּל
די גראָבע זעק מיט שטילקייט,
דעם שווערן אַפּריל־הימל.
איך שווים צו ווייטע האַפנס.

רויט ליכט

רויט ליכט.
פאַרלאָפן ווערן וועלפישע אויגן
מיט בלוט.
געלאָדנט מיט גורלדיקע לאַסטן
רעוועט דער טראַק.
ס'ווייסן אַלע בריוו אין די זעק —
ס'איז צו שפּעט.
אַלע בריקן וואַרטן געשפּאַנט
אויף דעם לעצטן, אומפאַרמיידלעכן בראַך.

אַ וואָרט אין טאָל

אַ וואָרט אין טאָל
טרייסלט אויף אַ באַרג,
רייסט אַראָפּ זיין קאָפּ.

טריט ביינאַכט —
וועקן אויף אַ שטאָט מיט גזלנים,
באַהאַלטן אין די לאָמפּן.

אַ בליק —
וועקט אויף אַ וועלט
אין מיטן העלן טאָג.

ווען די פענצטער

ווען די פענצטער גייען אַריין אין די ווענט
און די לאָמפּ טרינקט זיך אין שפּיגל,
גיי איך אַרום אויף די וועגן —
פון וועלכער זייט וועט קומען דער טויט?
מיט וועלכן קאָליר?
איך האָב אָנגעטאָן דאָס רויטע קלייד.

נס

פרעמד זיינען מענטשן,
וואָס פאָרן אין צוגן.
זייערע פנימער —
פלעקן ווייטע פון לבנות —
וועקן אויף דעם טרויער
פון אינעווייניקסטע מרחקים
און פאַרשווינדן
ווי קיין מאָל נישט געווען.
און נאָר די רעלסן, וואָס שניידן דורך
די זאַמדן אין די הימלען,
ווייסן,
אַז יעדעס פנים איז אַ נס,
און אַז דער נס
קען נאָך אַ מאָל געשען.

מיין תפילה צום קומען

יעדן פרימאָרגן טו איך תפילה
צו דעם קומען,
צו דעם געטלעכן נאָר אויף מיין דאַך:
מילדער די קעלטן פון צפון,
שטיל איין די זון אין דרום
און בעט די ווינטן,
זיי זאָלן דיך נישט אומוואַרפן.
ווייל ווי לאַנג דו שטייסט,
שטיי איך אויך,
ווי לאַנג דו טראַכטסט,
טראַכט איך אויך.
פאַל נישט,
אָ, פאַל נישט איין,
מיין גאָט!

די לבנה און דער שיכור

אראפּגעטריבן פון די קלויסטער־טרעפּן,
די פלאַש צעבראָכן,
וווּ וועט דער שיכור איצט גיין,
וווּ האָט ער אַ היים?
אַ פולע לבנה קוקט אים נאָך:
מיד פון שפּיגלען דאָס פרעמדע,
פאַרשטיינערטע פּנים פון דער ערד,
גערן וואָלט זי זיך באַהאַלטן אין זיין באָרד,
געטובלט זיך אין זיינע טרערן.
אַוועק דרייט זי זיך אין איר גורלדיקן ראָד,
אַליין פאַרגייט דער שיכור אין טאָג.

כ׳וויל זיין אַ נעגערין

כ׳וויל זיין אַ נעגערין.
מיט געלע אויגן
טרינקען די לבנות.
מיט גראָבע ליפּן
זויגן שוואַרצע זאַפטן פון די נעכט.
אויף הויכע,
שוואַרצע,
דינע פיס
אַרומפליען איבער דער שטאָט,
און מיט די ראָזע פּיאַטעם אָנזאָגן —
אַ נייעם מענטש.

די פאָרשטאָט

דאָס איז די פאָרשטאָט;
לאַנגזאַמער גייען דאָ זייגערס,
שטילער רעדן דאָ מענטשן.
דאָ הערט מען אין די שטיבער,
קאַרטאָפל וואַקסן אויף די פעלדער.
הויכע מיידלעך שפּאַצירן אַרום
מיט שעמעוודיקע בחורים
אין זון־פאַרגאַנג.
זיי פירן דאָ ליבעס
צווישן געלע ווענט,
וואָס אַנדערע האָבן אָנגעהויבן —
און געשטאָרבן אינדערמיט.
דאָס איז די פאָרשטאָט.
פייגל זיצן דאָ אויף טעלעפאָן־דראָטן
און היטן באַן־רעלסן
פון ווילדע גראָזן.
ס׳וואַכן מאַמעס ביי קינדער־בעטלעך
און היטן די קינדער פון שווערע חלומות, —
אין זיי בליצט און שוימט
די גרויסע שטאָט.

ווינטער־ליד

גאָט,
דערבאַרעם דיך איבער דעם מענטש,
וואָס גייט צו דיר אַליין
אין די שנייען.
ער איז אַלט.
עלטער פון די הימאַלאַיען
איז זיין בלוט,
זיין שרעק,
זיין תפילה צו דיר.
האָסט געוואָרט אויף אים,
האָסט אים נישט דערקענט.
גלייכגילטיק דעקט דער שניי צו
זיינע טריט,
אַזוי וועט ער צודעקן
זיין קבר.

קומסט אַמאָל אַרויס פון סאָבוויי

קומסט אַמאָל אַרויס פון סאָבוויי, —
די געגנט איז דיר אומבאַקאַנט.
די אָוונטיקע ליידיקלעכע גאַס
איז קוים באַלויכטן.
זוכסט אַ פריינט,
אַ הויז,
שאָרכט אַ שטיק פּאַפּיר,
אַ בוים,
אַ טויער, בלינד פאַרקלאַפּט,
קוקט דיך אָן באַקאַנט,
ווי עס וואָלט אויף דיר געוואַרט —
אָן אייביקייט.
ביסט שוין געווען דאָ אַמאָל,
ווינקט אַ לאַמטערן.
שטייסט פאַרן הויז,
קוקסט לאַנג אָן די טיר,
ביז עמעצער הינטער דיר,
אַ טונקעלער,
אָן הענט —
קלאַפּט אָן פאַר דיר.

פאַרבייגייער

פאַרבייגייער,
איך זע דיך נישט;
דיין שאָטן פאַלט יעדן טאָג
אַלץ מידער אויף מיר,
און מידער.
וואָלט איך געקענט פאַרהאַלטן דיינע טריט,
וואָלט זיך מיין אומרו געשטילט.

אַמאָל קומסטו אומגעריכט פון שפּיגל
און רופסט מיך מיטן קול,
וואָס גייט מיר נאָך פון וויגל.

איך קוק זיך אום —
פאַרשלאָסן האָט דער זון־פאַרגאַנג
דעם טויער,
איך זע נאָך בלויז אַ לעצטע פּלייצע
פון אַ פאַרשפּעטיקטן פוסגייער.

בלינדע

ווילדע גראָזן וואַקסן פון זייערע אויגן
און פאַלן ביטער אַריין אין זייער מויל,
זייערע אַקסלען פאַלן איין אונטער דער לאַסט
פון ליכט,
און די הענט הענגען פאַרברענטע אויף קויל.

די פינצטערע היילן פון זייער בויך
פאַרדייען לאַנגזאַם די געררוישן פון טאָג.
אין די נעכט גייען אַרום זייערע ווייסע שטעקנס,
זוכן צו דער לבנה דעם וועג.

די בלינדע שלאָפן, איינגעהילט אין זייער נאַכט.
ווייסע שטעקנס אין ליידיקע גאַסן
וועקן די ערד.

פייגל

פייגל פליען נידעריק פאַר מיין פענצטער,
פּאַטשן מיט די פליגל.
וועקן אויף פאַרשוווּנדענע וועלטן.
איינגעזונקענע בערג
הייבן פון ימען אַרויס די קעפּ.
ווידער זענען דאָ די דינאָזאַורן.
די גרויסע חיות מיט די גרויסע טרויערן
ציען אויס פאַרגאַפטע העלדזער —
פייגל פליען נידעריק פאַר מיין פענצטער,
פּאַטשן מיט די פליגל.

ליים־גרעבער

ליים־גרעבער —
ריזן מיט שווערע געדאַנקען,
זיי קענען דעם ליים.
זיי קענען אים גוט פון זייערע אייגענע גלידער.
זיי גראַבן דעם ליים אין אַלע דימענסיעס
ביז וואַסער —
און שטילן דעם ליימענעם הונגער
מיט דאָרשטיקע קרוגן.

אַלטע זייגערס

חלומען זיך מיר אַלטע זייגערס,
וואָס מיינע באָבעס האָבן אָנגעדרייט.
מיט רונדע, געלע ציפערבלעטער,
מיט גלייכע שרונטן אינדערמיט.

אויף ווייסע, קילע ווענט
די זייגערס גייען —
די געוויכטער וויגן זיך און טיקן
אַהין און צוריק.

די זייגערס קלינגען, קלינגען,
וועקן אויף די שפּיגלען,
וועקן אויף אַלטע טעג
אונטער ווייסע ריגלען.

פרעמדע פאָטאָגראַפיעס

פרעמדע פאָטאָגראַפיעס
אויף פרעמדע ווענט,
ווער פון זיי לעבט נאָך,
ווער איז טויט ?

הערן אין פראַקן,
אין ווייסן, שטייפן העמד,
כלהס אין וועלאָנען,
מיט בלומען אין די הענט.

שיפן

בייטאָג שווימען שיפן אויפן טייך פאַרביי,
מיט אַלע קאָלירן פון מיין האָפענונג;
ביינאַכט וועקט מיך זייער בלינד געשריי —
ווי אין שטעטל אַמאָל דאָס רעווען פון קי.

ליג איך וואַך. איך הער:
דאָס וואַסער עסט אין דער פינצטער די ערד, —
ביז עס וועט אויפגיין דער נייער טאָג,
וועל איך שוין אויך זיין פאַרצערט.

שווייגנדיקע טירן

איך בין די היטערין
פון שווייגנדיקע טירן.
איך שטיי פאַר די געשלאָסענע פירעקן —
ווי פאַר די צען געבאָט:
שטאַרבט עמעצער הינטער זיי?
ווערט עמעצער געבוירן?
איך בויג מיין קאָפּ,
פאַר שווייגנדיקע טירן.

דין זײַנען די ווענט

דין זײַנען די ווענט
פון דעם הויז וווּ איך וווין,
מענטשן לייגן זיך דאָ שלאָפן
אין זייערע צימערן אַליין.
דין זײַנען די ווענט פון דעם הויז.
הער איך אָפּטמאָל מײַן שכן
רעדן פון שלאָף —
קלאַנגען טויבע,
אומפאַרשטענדלעכע,
ווי פון אַ קבר אַרויס.
ליג איך אַ וואַכע אין גאַנצן הויז
און וואַרט —
אפשר וועט מײַן שכן נאָך עפּעס זאָגן?
איך וואַרט, ביז עס הויבט אָן
צו טאָגן.

אינדערפרי הער איך:
מײַן שכן גייט אַוועק —
אַ ווײַטער,
אַ פרעמדער,
אַ געשטאָרבענער.

ביי נאַכט אין ניו־יאָרק

דאָס געוויין פון אַ קינד
ביי נאַכט אין ניו־יאָרק,
שפּאַלט ווענט,
לעכערט הייזער,
שווענקט אַרונטער
פונדאַמענטן.
פאַלן שטיינער, —
שטיקער שלאָף,
איבערגעריסענע חלומות,
קעפּ אויף קעפּ.
פינצטערע מויערן שטעלן זיך
אויף פיר פיס.
זיי וועלן באַלד פאַרטויבן
מיט היהשן געבריל
דעם אוניווערס.
קומט די מוטער,
זי קומט פון וויטן, שטערנדיקן מילכוועג.
זי זויגט אָן דאָס קינד
מיט שטילקייט און מיט רו,
און ניו־יאָרק
מאַכט ווידער די אויגן צו.

יענע גאַס

גיי נישט וווינען אויף יענער גאַס!
דאָרט זיינען שטשורעס מער
ווי מענטשן.
דאָרטן לאָדנט מען גאַנצע טעג
שווערע וועגענער מיט סחורה.
די גרויסע מאַגאַזינען, פול מיט שטאָף,
וועלן דיר פאַרשטעלן די זון, דאָס ליכט.

און כאָטש אין די פרימאָרגנס
איילן דאָרט געדיכטע מאַסן מענטשן
צו שעפער, צו ביוראָען —
איז ביי נאַכט דאָרט שטיל,
קיין מענטש, קיין ליכט.
נאָר די שטשורעס קומען אַרויס פון אונטערערד
און גרייטן זיך, גרייטן זיך,
צו באַלאַגערן דעם טיימס-סקווער.

די רויטע טיר

יעדן פרימאָרגן, איך עפן די אויגן
געפין איך מיך
אין דעם זעלבן פּאָרט:
דריי הויכע קוימענס,
צוויי דעכער,
און אַ רויטע טיר,
וואָס איז גורלדיק פאַר מיר.
וויפל איך וויל מיך ניט
באַפרייען פון דעם פלעק —
די רויטע טיר וועט מיר נאָכגיין
ביז צום סוף פון מיינע טעג.

מיין מאַמע און דער אויוון

וואָס האָט מיין מאַמע
געוואָלט אַרויסכישופן פון אונדזער אויוון ?
זי האָט אים איבערגעשטעלט
אַיעדן האַרבסט.
געשלעפּט אים פון וואַנט צו וואַנט,
פון ווינקל צו ווינקל,
געמאַכט אים העכער,
קלענער,
דער קאַפּעל-אויוון איז געשטאַנען
בלייך, שטום.
דער גוי האָט געטרונקען בראָנפן
פון אַ פלאַש
און געזונגען לידער סלאַווישע, טרויעריקע,
דער ליים האָט געשיינט אין זיינע גרויסע הענט —
מיך געשראָקן האָט זיין שאָטן אויף די ווענט
און דער ווייסער שאָטן פון דעם אויוון.

ס'איז שפּעט דאָס ליכט

ס'איז שפּעט דאָס ליכט
און שפּעט די ווענט,
צו שפּעט זיינען די רייד, —
איך וויל שווייגן אין דיין חלום
אין דער הויכער יולי־נאַכט.

מאָרגן פרי, ווען וועסט אויפוואַכן,
און אַרויסקוקן פון זיך,
וועט זיין דער בלויער הימל
און די שווייגנדיקע טיר.

איך וועל זיין שוין אויף די וועגן,
אַ בלאַט, וואָס רייפט,
דערדרייפט אין געלקייט;
אַ קלאַנג, אַ וויטע שיף,
וואָס שווימט אויף וואַסערן פאַרקלערטע.

דורך אַ גלעזערנער טיר

איך האָב דיך געזען
דורך אַ גלעזערנער טיר.
איינגעהאָרכט אין שאָטן, אין ליכט,
ביסטו געווען פאַרטראַכט צווישן ווענט.

שטיל בין איך אַוועק
פון דער גלעזערנער טיר.
אַזוי גייט מען אַוועק אין פרילינג
פון אַ טייך —
העלפט אין הימל,
העלפט אין וואַסער.

טירן עפענען זיך אַליין

טירן עפענען זיך אַליין,
מאַכן זיך צו,
טעג גייען אַוועק,
קומען צוריק.
פון דאַך־פענצטער קומט
דאָס טרייסטנדיקע,
דאָס אייביקע ליכט.

אַלץ וואָס איז געווען,
וועט ווידער זיין.
גאָרנישט גייט פאַרלוירן,
גאָרנישט ווערט פאַרפאַלן.
כ׳שפּרייט אויס די הענט —
פליגלען און רוים,
און ווי אַ טראָפּן וואַסער —
איך גיב זיך איבער צו דעם שטראָם.

אין טונקעלן הויז

װעסט אויסדרייען דעם קאָפּ
אַזוי ווי איך,
אין גרויסן,
אין טונקעלן הויז.
װעסט זוכן עמעצן,
װאָס איז דאָ קיין מאָל ניט געווען.
װעסט וואַרטן אויף עפּעס,
װאָס וועט קיין מאָל ניט געשען.
די ווייסע טירן,
די לאַנגע קאָרידאָרן,
זיי וועלן דיך פירן
דורך הויכע זאַלן.
צופירן צום ווינקל,
װוּ איך בין געשטאַנען,
װעל אייביק שטיין —
שטום און פאַרלוירן.

שניי

ס׳שנייט,
בלאַסער ווערן טראָפּנס בלוט
אויפֿן ווייסן פֿאַרטעך פֿון דעם קצב.
אותיות פֿאַרלאָזן די שילדן.
לאָזן איבער מיין זכרון —
אַ ווייס, ליידיק פֿעלד.

די בריק

ביז איך וועל צוקומען
צו דער בריק,
וועט זי שוין נישט זיין:
דער הימל וועט זי אויסזויגן,
די פֿייגל וועלן זי אַוועקשלעפּן,
און איך וועל אַ טרויעריקע
אַריבערקוקן —
צו יענער זייט טייך.

אַלץ איז גרייט

אַלץ איז גרייט,
פֿאַר געבורט?
אָדער טויט?
די זון איז אונטערגעגאַנגען
אין איר לעצטן רויט.
די פֿייגל זיינען אַריבערגעפֿלויגן
פֿון גרוי צו שוואַרץ
און שטיל געוואָרן.
דער אומזעבאַרער,
וואָס קוקט אונדז אייביק אָן,
וואָס וועט ער איצט טאָן,
מיט אונדזער האַלדז?

שפּיטאָל

דער ווינט וועט היינט אַוועקבלאָזן
דעם שפּיטאָל:
די ווייסע ליילעכער מיט וווּנדן,
די קראַנקע שיך, וואָס ליגן
אונטער בעטן,
און די טיפֿע טאָלן פֿון די שאָטנס.
ער וועט אויסלעשן אַלע וועלקנדיקע הענט
און וואַכע נעכט,
אַלע געררוישן און אָפֿענע אויגן.
בלייבן וועלן נאָר די בלומען —
שטומע שליחים פֿון דער ערד.

כ׳דערקען דאָס אָרט

כ׳געדענק דאָס אָרט;
אַ מיידל האָט מיך דאָ געטרייסט אַמאָל
מיט בלאַסע ליפּן.
כ׳דערקען די מידע לאָמפּן,
די מענטשן ביי די טישן.
בלויז דער זאַל האָט זיך אויסגעצויגן
לענגער — אין דער אייביקייט אַריין.
דאָס מיידל איז שוין איינע פון די לאָמפּן.

פרעג נישט קיין שטומען

פרעג נישט קיין שטומען
אויף אַ גאַס —
דערשרעק נישט,
צעטומל נישט דעם קאָנטינענט.
דעם שטומען קענסטו דערקענען;
זיינע ליפּן זיינען פעסטער פאַרפּרעסט,
זיינע אויערן הענגען אַראָפּ.

בלעטערן מיר דעם האַרבסט

געבוירן האָט מיך דער ווינט

געבוירן האָט מיך דער ווינט,
געזויגן דער באַרג,
די לבנה איז געווען מיין וויגל,
אַלטעביימער האָבן געוויגט מיך צום שלאָף,
די מאַמע איז געווען אַ חלום.

דאָס גרויע טוך וואָס פלאַטערט פאַר די אויגן, —
איז עס אַ וואָלקן אָדער אַ פאַטשיילע ?
דער מאַמעס פאַטשיילע אויף געבויגענער פלייצע
אין געסלעך קרומע און שטילע ?

געבוירן האָט מיך דער ווינט,
געזויגן דער באַרג,
די מאַמע איז געווען אַ חלום.

דער קעמל

איך בין נישט געווען אין מדבר,
איך האָב נאָר געזען דעם קעמל,
קען איך דעם מדבר.

איך האָב געזען זיינע טרוקענע פּיס,
קען איך די זאַמדן.

איך האָב אָנגערירט זיין הויקער —
קען איך די בערגלעך פונדערווייטנס.

איך קען די ווינטיקע, איינזאַמע שלעסער,
דער קעמל האָט צו מיר אויסגעדרייט
זיין האַלדז.

אַלץ וועט געדענקען

אַלץ וועט געדענקען
אַז איך בין דאָ געווען.
די שיפֿן וועלן האָבן דעם קאָליר
פֿון מיינע קליידער,
די פֿייגל וועלן רופֿן מיט מיין קול,
דער פֿישערמאַן אויפֿן שטיין
וועט טראַכטן מיין ליד,
דער טייך
וועט נאָכגיין מיינע טריט.

ס'איז אַראָפּגעפֿאַלן אַ שניי

ס'איז אַראָפּגעפֿאַלן אַ שניי
און אַרומגענומען די ערד
מיט אַ קילן שמייכל.

דערשרעקן זיך די קראָען
פֿאַר דעם בלענדנדיקן ווייס
און לאָזן אַרויס מיט אַ קראַ —
דעם קרבן פֿון זייער שנאָבל.

וועט נאָך שנייען, פֿאַרשנייען,
מען וועט נישט דערקענען:
נישט ס'געוויין פֿון דעם מערדער,
נישט די חרטה פֿון קרבן.

דער זומער איז געווען אַ הויכער

דער זומער איז געווען אַ הויכער,
מיט ברייט-צעבלעטערטע ביימער,
מיט שלאַקס-רעגנס,
שטורעמס.
ווילדע ווינטן האָבן אַרויסגעטריבן
די טייכן פון די ברעגן
און די וואַסערן האָבן איינגעשלונגען
מענטשן, פי און רינדער.
דער זומער איז געווען אַ לאַנגער.
און ווידער איז סעפּטעמבער.
מיד און רייף ווערט דאָס גאָלד
אויף די ביימער.
די טעג ווערן שוין קירצער,
די נעכט — טיפער און באַנגער,
און באַלד וועט דער אָקטאָבער
אַרויפדרייען זיין קנויט,
וועל איך טרעפן דיך צווישן ליידיקלעכע ביימער —
מיט שווערע וויעס,
און אָפּגעקילטן בוים.

פֿאַרגענגלעך זיינען מיינע שוועסטער

פֿאַרגענגלעך זיינען מיינע שוועסטער
אין די דערפֿער,
אייביק לעב איך אין די גרויסע שטעט.
כ׳האָב אַלע מאָל אַן אַנדערן נאָמען,
ווין אויף אַן אַנדערן אַדרעס,
נאָר שטענדיק וואַכט איבער מיר פֿאַלאַרים.
זומער שפּאַציר איך אין די גערטנער
פֿון בבל,
ווינטער שרייב איך בריוו אויפֿן שניי;
מיינע קליידער האָבן שטענדיק דעם קאָליר
פֿון בלעטער־פֿאַל,
פֿון אַלט גאָלד איז געוועבט מיין שאַל.

ווען

ווען איך וועל לעבן אין ערגעץ נישט,
וועל איך שרייבן לידער אויפן וואסער,
און בויען שלעסער אין זאמד.
כ'וועל מיך ארומדרייען איבער דערפער,
איבער שטעט,
הערן ווי ס'גרויען ביי בעטלער
די בערד.
כ'וועל נאכגיין די שאטנס פון הויכע, שווארצע
נאנעס —
און טרינקען דאס בלאסע גאלד —
פון פארטאגיקע, פארגעסענע לאמטערנס.

דער דונער

עס וועט מיך אמאל אויפוועקן דער דונער.
פון אלע בערג אראפ
וועט ער זיך דערקייקלען צו מיין בערגל,
און אויפרייסן מיינע אויגן מיט זיין בליץ, —
וועל איך מיך אויפהויבן
צו דער געטלעכער סעודה,
און מיטנעמען אלע מיינע שכנים
פון שטויב.

פאַרנאַכט

אײן מאָל אין אַ פאַרנאַכט
האָב איך געעפנט אַ גאָלדענעם זון־פלעק
אויף דער ערד,
און אַריין אין אַ קילער טיר:
איז דאָ גענוג וואַסער?
איז גענוג שטיל?
דער ליים האָט וואַרעם געאָטעמט.
ערגעץ ווייט איז דער ווינט אַרומגעגאַנגען
און געקלאַפּט מיט זיינע אייזערנע פיס.
אַ רעגן האָט געדאַוונט איבערן נידעריקן דאַך
פון מיין קינדהייט.
פון גרונטן האָט זיך ריטמיש געהויבן אַ רוישן
פון וועלדער און ימען.
לאַנגזאַם איז די זון אין מיר פאַרגאַנגען.

שטיקער וועש

וויען אזוי שטיקער וועש
אין דעם פֿאַרנאַכט?
אָדער איז דאָ די בלייכע גרענעץ?
דער שניי האָט היינט אויסגעטראַכט:
שטעט,
דערפֿער,
גריבער.
און בריקן הויכע, אויסגעבויגענע,
איבער טייכן טיפֿע.
אַלץ,
אַלץ חלומות,
וואָס צעשיידן מיך פֿון דיר.

די קרוגן

די קרוגן זיינען פול מיט ליכט
און טרינקען מיט פרומע העלדזוער
לעצטע, ווייסע רגעס.
לאַנג איז דער זומערדיקער טאָג,
לענגער איז דער שאָטן פון מיין מאַמע,
מיט איר קרוג,
וואָס נעמט מיך מיט.

אינדערהיים

ווו דו זאָלסט נישט גיין, רעגן,
וועל איך מיט דיר מיטגיין,
אומעטום וועלן מיר זיין אינדערהיים.
די גראָזן גייען מיר נאָך.
אַריבער דעם ים —
וואַקסן זיי ווידער, שטיל,
נעבן פלויטן,
און בעטלערס שטייען דאָ ווידער
מיט ליידיקע הענט.
ווו דו זאָלסט נישט גיין, רעגן —
אומעטום וועלן מיר זיין
אינדערהיים.

וואָס האָב איך געזוכט?

ווען איך בין אַלט געווען אַכצן יאָר —
וואָס האָב איך געזוכט
אין דער קאַשטאַנען־אַליי?
קאַשטאַנען,
אָדער דעם קופּער,
וואָס האָט געטריפט פון אוראַלטן
קלויסטער־גלאָקן?
בין איך פאַרליבט געווען אין גלח,
וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט
מיטן געבעטבוך אין די הענט
און דינער געמאַכט די ביימער
מיט זיין געשטאַלט?
די לבנה האָט מיך דעמאָלט געשטאָרבן
און פאַרגעסן אויף אַ באַנק.

געלע בלעטער

ליגן שוין געלע בלעטער אויף דער ערד?
געלע טעג?
רעד שטילער,
שטעל פאַמעלעך די טריט,
לאָז דעם ווינט פריער —
אַריבערגיין דעם וועג.

אַ פּ ר י ל

אַפּריל.
די יונגע גרינקייט
ווייס נאָך ניט,
וואָס זי וויל;
ווי אַזוי זאָל זי בליען —
רויט,
ווייס?
אפשר גאָר פּליען?!
אין די נעכט איז זי פֿאַרליבט,
אין יעדן שטערן,
און דער פֿרימאָרגן
געפֿינט זי שטייף
און געפֿרוירן.
אַפּריל.

מאָנאַ-ליזאַ

בייטאָג — איך כאַפּ זיך אויף,
שמייכלט מאָנאַ-ליזאַ,
גיב איך אויך אַ שמייכל,
פּונקט אַזוי ווי זי.

מיטאָג-שעה, עס קלינגט דער טאָג,
ווינקט מיר מאָנאַ-ליזאַ,
לאָף איך צו די פֿייגל,
פּונקט אַזוי ווי זי.

נאָר עס טרעפֿט אַמאָל, פֿאַר נאַכט,
עס לעשט זיך אויס די זון,
וויינט מאָנאַ-ליזאַ,
די הענט צוגעדריקט צום קאַלטן, ווייסן האַלדז.

וויין איך פּונקט ווי זי,
פֿון איבערגעריסענעם שלאָף,
און ס'נעמט אַ קעלט אַרום,
פֿרירט אַרום מיין גוף.

אין חלום בין איך אַמאָל שוין דאָ געגאַנגען

גולד ראַוויטשן

אין חלום בין איך אַמאָל שוין דאָ
געגאַנגען.
דער וועג האָט זיך אויסגעבויגן
צום טייך אַראָפּ.
די הויכע יאָדלעס, זיי האָבן מיך דערקענט,
און ווישן מיט די שאָטנס אָפּ
דעם גרויען שטויב פון מיינע טריט.

דאָס וואַסער רוישט,
רינט,
דורך אָדערן
פון בלעטער,
שטיינער,
טרייבט מיין בלוט
צו העלע, ברייטע ימען.
און אָט איז דער גרויסער, וואַרעמער שטיין.
מיר נעמען זיך אַרום
ווי אַלטע גוטע פריינט,
נאָך לאַנגע יאָרן פון צעשיידונג.

צעשאַר נישט מיט דיין שוך
די בלעטער

צעשאַר נישט מיט דיין שוך די בלעטער.
לאָז רוען מיין פּנים,
וואָס וויל זיין פאַרבאָרגן.
וויעס, אויסגעוואַקסן ביז די ליפּן,
שאָטענעז, שאָטענען מיט נאַכט,
אויגן צוגעמאַכט, שווערע,
זאַט געוואָרענע מיט ליכט.

דער האַרבסט שוועבט אוועק שוין
אויף אַ פליגל
פון אַ פויגל,
אַ פאַרשפּעטיקטן אין וועג.
גיב אים גאָט, כּוח און גבורה
אָנצוקומען — מיט איין איינציק בלעטל
פון זיין גרויסן, גאָלדענעם פאַרמעג.

און דיכטער שטאַרבן

און דיכטער שטאַרבן.
זיי גייען אַוועק אין זאַמד אריין
און דערטראַכטן נישט דאָס גראָז,
און דעריאָגן נישט דעם ווינט.
בלייבן איבער די ווייבער זייערע —
לידער נישט פאַרענדיקטע,
אָן אַן אָנהויב,
אָן אַ סוף.

שטאַרבן דיכטער.
דאָס פאַרשטיינערטע פּנים זייערס
פאַרזיגלט אַ הויכע צוואה צו די בערג,
און די געשלאָסענע אויגן
פאַרטיפן די טאָלן.

פֿאַרטראַכט זײַנען די הערנער פֿון דער ציג

פֿאַרטראַכט זײַנען די הערנער פֿון דער ציג,
ס'איז קיל שוין די זון.
די שאָטנס ווערן לענגער,
אַלץ לענגער.
די שוואָמען זײַנען גאַסט־פֿרײַנטלעך
און פֿאַרבעטן צו זיך.
גוט איז
אונטער זייער נידעריקן דאַך.

דיביימער וואָס מיין קינד צייכנט . . .

מיין זון מאַרעקן

די ביימער וואָס מיין קינד צייכנט —
ווען האָב איך זיי רוישן געהערט ?
די פייגל וואָס מיין קינד זעט —
זייערע פליגל האָבן מיך שוין געוועקט.

דער הימל איז בלוי און ער גייט.
וווהין גייט ער ? — פרעגט מיין קינד מיך פאַרטראַכט.
איך קוק אַרוים דורך דעם פענצטער —
וואָלקנס אין קילן פאַרנאַכט.

איך ווייס נישט — זאָג איך שטיל —
עס גרינט אויף זיין בילד די ערד ;
דאָס „רויטע היטל" רייסט בלומען,
דער וואָלף שטייט דערנעבן פאַרקלערט.

איך האָב דיך שוין לאַנג נישט אַרומגענומען

איך האָב דיך שוין לאַנג נישט אַרומגענומען,
מיין קינד,
זיינען ליידיק מיינע הענט.

איך האָב דיך שוין לאַנג וויינען נישט געהערט,
זיינען טרוקן מיינע טעג.

איך האָב דיך שוין לאַנג לאַכן נישט געהערט,
איז זונלאָז מיין לעבן.

איך האָב דיך שוין לאַנג נישט געזען,
מיין קינד —
בין איך בלינד.

צו אַ דיכטער

דאָס זילבער פון אַ ליד
שווימט אַרויס פון אַ בוך
און מיין שטוב ווערט פול מיט ווייסן ליכט.
איך עפן די פענצטער.
אַקעגנאיבער הענגט די לבנה
אַ גרויסע,
אַ ווייסע.
דיכטער,
דאָס ווייסע גראָז, וואָס דו האָסט געטראָטן
מיט אַזוי פיל נעכט צוריק,
לעבט.
נאָר דו ביסט לאַנג שוין טויט,
דיין קבר איז איינגעפאַלן.
דאָס קליינע בערגל האָט זיך אויסגעגליכן
מיט דער גרויסער פלאַך —
און דיינע ביינער זילבערן
ווי די לבנה.
אָבער די הענט מיינע,
וואָס טראַכטן אויס דאָס ליד,
זיינען גרוים און שיין.
די נאַכט איז ווייס, ווייס,
און אַלע מיינע ביינער
זענען אין איר פאַרליבט.

אַרום דער אָזיערע

אַרום דער אָזיערע
טאַנצן בעריאָזעס
יעדן פאַרנאַכט.
יעדן אָוונט די זעלבע פּאָזע:
דינע, ווייסע פאַרלייגטע פיס,
קאָקעטיש פאַרנויגטע קעפּ.
דאָס פאַרליבטע טונקעלע וואַסער
ציט זיי אַראָפּ
אין דער טיף.
לעצטע שיכורע שטראַלן גייען מיט
אויף ציטערדיקע טרעפּ.

כ׳וואַלט געוואָלט

כ׳וואָלט געוואָלט וווינען אין אירלאַנד,
אויף דעם אינדזל פֿון דעם גרינעם עמעראַלד.
זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט ווי מאָנאַ־ליזאַ
אויף אַ שטיין,
און וואַרטן אויף שיפֿן אָנגעלאָדענע מיט געווירצן,
טייערע שטיינער,
העלפֿאַנט־ביין.
אין די פֿאַרנאַכטן אַראָפּנידערן מיט דער זון
אין ים אַריין —
צו די פּיראַטן,
און זיך אומקערן מיטן מאָרגן־שטערן —
איינגעהילט אין פֿאַרטאָגיקע בראָקאַטן.

מײן מאַנטל

איך האָב אויפגעהאָנגען מײן נאַסן מאַנטל
אויף אַ טיר.
בײ נאַכט האָט מיך אויפגעװעקט דער מאַנטל.
ער איז געהאָנגען איבער מיר
דראָענדיק און שװער,
װי דער שװאַרצער, פאַרװאָלקנטער הימל
און געקלאַפּט מיט די לײדיקע אַרבל:
איך קען מער דײן מאַנטל נישט זײן!
איך בין אַ גרינער מלאכיט
און איך גײ צוריק קײן סיביר,
און דאָרט — איז אויך דײן הײם! —
איך האָב זיך אויפגעהויבן,
און אָנגעטאָן מײן מאַנטל.

פון אַלע וועגן

פון אַלע וועגן
האָב איך אויסגעקליבן
מיין וועג —
לאָז מיך דאָ אָפּרוען.

פון אַלע שטערן
האָב איך אויסגעקליבן
די זון —
לאָז מיך די אויגן צומאַכן.

פון אַלע פריינט
האָב איך אויסגעקליבן
דיך —
לאָז מיך וויינען אויף דיין שויס.

שטייען אַזוי מיינע שוועסטער

שטייען אַזוי מיינע שוועסטער,
אָדער דאָס בין איך אויף אַלע ראָגן ?
אין די פרימאָרגנס בלייכט מיין לייב,
אַ פרעמד, אָפּגעטראָגן העמד,
די שטאָט, די שטאָט האָט אייך פארגוואַלדיקט,
די שטאָט האָט מיך פארשעמט.

אָ, ווער האָט אייך דאָ אויסגעטראַכט
אויף אַלע ראָגן פון פאַריז,
מיינע שוועסטער ?

ווען ס׳וועט אַ וואַלקן

ווען ס׳וועט אַ וואַלקן אַנקלינגען אין מיין שויב
מיטן ערשטן רעגן־טראָפּן,
וועל איך זיין גרייט.
מיט דער זון
האָב איך שוין לאַנג געמאַכט דעם חשבון,
און די ערד דרייט זיך סיי ווי סיי.
דער פרילינג קומט שוין צו מיין שוועל
מיט דעם אָנזאָג פון די האַרבסטן,
און ווייסער פוך פון קאַרשן־בלי
דערמאָנט אין קאַלטן שניי.
צייטיקע עפּל קלאַפּן אין דער ערד אָן
ווי אין אַ מאַמעס טיר,
שטילע רייד רעדט
דער בלעטער־פאַל צו מיר.

ד ע ר ד י אַ ל אָ ג

דער דיאַלאָג פון מײַן מעשענעם לײַכטער
מיט די גרינע קרעלן
איז עלטער פון מיר,
און װעט אַנגײן
נאָך מיר.
ציטער איך פון גליק,
װען די זון נעמט מיך אַרײַן
אין זײער מיט.

אין רילקעס ליד

די בלעטער פאַלן אַלץ נאָך
אין רילקעס ליד —
פון ווייטע, פרעמדע, וויאַנענדיקע
הימלס גערטנער —
און איך הער דיך אַלץ נאָך ציילן
שלעפעריק די בלעטער.
דער פאַסטעך שטייט נאָך אָנגעלענט
ביים לעצטן שטאָטישן לאַמטערן —
און דו העלפסט אים איינזאַמלען
די טונקלענדיקע שאָף.

אָפּעליאַס קלייד

אָפּטמאָל מעסט איך אָן
אָפּעליאַס קלייד,
פון ליליעס געוועבט
און פון טאָפּאַזן —
שפּיגל איך מיך אָן אין וואַסער ;
די וועגן ענדיקן זיך דאָ
און ס'הויבט זיך אָן דאָס לאַנד.
אַלץ וואַרט דאָ אויף ערשטע טריט,
אויף לעצט געוויין.

בלאָנדזשען אין דיר

בלאָנדזשען אין דיר —
ווי אין אַ שוואַרצן, גרינעם וואַלד:
ווערן נאַכט אין דיינע שטאַמען,
טאָגן אין דיינע צווייגן,
רוען אויף די זון־פלעקן
פון דיינע הענט,
שטאַרבן אין דעם קול פון אַ פויגל
ערגעץ ווייט,
שטאַרבן אין דיין קול.

ג ר י נ ע   װ ע ל ד ע ר

גרינע וועלדער אין דיינע אויגן,
ברוינער טאָרף אין זיי.
ס'איז גוט צו ווינטערן אין זיי,
ס'איז גוט צו ווינטערן אין זיי.

רעדן שטיל, האַלבע רייד,
די בערן נישט אויפצואוועקן;
וויגן אין אַ וויגל די נאַכט,
מיט קיין לבנה מער זי נישט שרעקן.

פאַרן שפּיגל

וויפל פרויען האָבן שוין דערזען
די ערשטע גרויע האָר
אין די קאַלטע אויגן פון דעם שפּיגל?
עס ענדיקט זיך דער חלום,
מיר טרעטן אריין אין דער וואָר,
און אפשר פאַרקערט?
די וועלט ווערט קלאָר און ווייס,
דאָס וואַסער ווערט געפרוירן.
אַ בלוי שטיק אייז
ווערט אונדזער שיף.

ווען דו שווייגסט

ווען דו שווייגסט,
הער איך דיך,
ווען דו רעדסט,
הער איך בלויז מיין אייגן שטאַמלען.

איך וועל מיך אַרומהילן

איך וועל מיך אַרומהילן אין האַרבסטיקע נעפּלען
און אַוועקגיין פון דיר,
אַוועקפירן וועט מיך דער גרויער פאַרטאָג —
און דער רויטער געוויין פון דעם האָן.

מיטנעמען מיט זיך וועל איך נאָר
די פולע לבנה,
זי האָט מיך געוואָרנט אין די נעכט
און געשטאַמלט —
ווייסע סכנה.

ביי נאַכט

ביי נאַכט,
ווען איך שלאָף,
וואַכט ביי מיין בעט
מיין סקעלעט,
מיט ווייסע קני —
אַ ווייסע פידל.
פון די אויגן־לעכער
שטראָמט די לבנה־סאָנאַטע
אין מיין חלום.

אַלע ביימער

אַלע ביימער וואַרטן אויף גאָט —
קום איך אָן,
שולדיק אין פאַרנאַכט.
און אפשר בין איך
אָן אָפּקלאַנג,
אָן עכאָ ?
אַלע ביימער וואַרטן אויף גאָט.

דער ווינט רייסט דעם לאָדן

דער ווינט רייסט דעם לאָדן ביי מיין פענצטער
ווי אַמאָל אינדערהיים.
— עמעץ האָט זיך אויפגעהאָנגען? —
האָט געפרעגט די מאַמע,
— אַזאַ ווינט, אַזאַ ווינט —
אין דער פינצטער האָב איך זיך געקלאַמערט
אין די וואַרעמע כוואַליעס פון איר קול
און איינגעשלאָפן,
אין חלום האָבן זיך געבאַמבלט מיינע פיס
איבער אַ תהום.

עס וועקט מיך דער ווינט.
ער קלאַפט מיט קאַלטע פינגער אין מיין לאָדן
שלאָף נישט, זיי וואַך מיט מיר!
דאָס וואַסער לאָזט מיך נישט איינשלאָפן,
שווים מיט מיר, שווים! —
שווים איך אָן אויפהער אין די טייכן
און פאַרדריי זיך אַרום טונקעלע ברעגן.
די לבנה זוכט אין אַלע פענצטער מיין פּנים,
אַלץ גרויער, אַלץ בלייבער ווערט די נאַכט.

אַלץ טיפער בייגן זיך די ווערבעס

אַלץ טיפער בייגן זיך די ווערבעס,
אַלץ בלייכער ווערט אַפּעליאַס קלייד.
די גליוועוועס ווערן בלאַסער,
דעם קעניגס ווידוי שטאַרבט אַוועק.
פאַרטראַכט שטייט האַמלעט,
טיף פאַרזונקען אויף שיידוועגן
פון לעבן, פון טויט?
די לבנה האָט אַוועקגעזילבערט,
עס טאָגט. דאָס גראָז איז נאַס פון טוי.

אַדיע וועלדער

אדיע, וועלדער,
בענקען, רוישן וועט איר
נאָך דעם קופּער פון מיינע האָר,
שטאַרבן וועט אויף אייערע ביימער
יעדע נאַכט מיין טרויער.

אַדיע, שטיינער, טויזנט־יאָריקע,
שלאָפט מיט מאָך באַדעקטע,
מיט די רוקנס צו דער זון,
די קעפּ איינגעגראָבן,
איינגעשפּאַרט אין ד׳ערד,
אַ סך האָב איך געגלעט אייך,
איר, וואַרעמע ווי פערד.

און טאָמער וועקט אייך אויף אַ בוים
מיט הונגעריקע וואָרצלען,
לעבט מיט אים בשלום, —
איר וועט איינשלאָפן ווידער,
און די פייגל אין זיין קרוין
וועלן קומען אייך צו חלום.

איז געווען

איז געווען אַ זומער־טאָג.
די מאַמע איז געזעסן אויפֿן גרינעם גראָז
און געשטריקט אַ זאָק.
טויבן האָבן געפּלאַטערט
איבער אונדזער נידעריקן דאַך.
דאָס וואַסער האָט געוואַרט אין ערדענעם קרוג —
קאַלט און גרין.
ביים ברוגזן שכן האָבן געצייטיקט די עפּל
אין סאָד.
אין פֿענצטער האָט געזשומעט, געזשומעט
אַ גאָלדענע בין.
אָ,וו איז דער וואָלקן,
אויף וועלכן איך בין געריטן,
און געפּאָכעט מיט מיינע פֿריילעכע קני ?

ס׳איז קאַלט די טויבן

ס׳איז קאַלט די טויבן אין אָקטאָבער.
זיי נעמען גאָט אַרונטער אונטער זייערע פליגלען
און זעצן אויס זיך אויף די פּלויטן
אין גרויע רייען.
קענסט זיי אָנרירן מיט דיין האַנט.
זיי וועלן נישט אַנטפליען.
זיי זיצן אָנגעלאָדן מיט ווינטער־האָריזאָנטן
און זייערע פעדערן וועבן
שטילע שנייען.
און כאָטש די זון שפּרייט אויס נאָך
אירע גאָלדענע דיוואַנען —
איז קאַלט די טויבן אין אָקטאָבער,
ווען די בלעטער וויאַנען.

וואָלט איך

וואָלט איך דיך באַגעגנט אין פעלד,
וואָלסטו געוואָרן דער שטיין,
פון וועלכן איך וואָלט וואַסער געשעפּט.

וואָלט איך דיך געטראָפן אין וואַלד,
וואָלסטו געוואָרן דעם בוים,
צו וועלכן איך וואָלט
לעצטע שטיקער גאָלד געשלעפּט.

איך האָב דיך געטראָפן אין שטאָט —
פון ווינקלען, סקווערן
און גאַסן,
וואָס לויפן אין לאַנגע, גלייכע פּאַראַלעלן,
וואָס קענען זיך קיין מאָל נישט טרעפן.

איך הער נישט וואָס דו רעדסט

איך הער נישט וואָס דו רעדסט,
דיביימער רוישן,
דער ווינט איז קיל,
ער וועט די נאַכט באַלד ברענגען
פון באַרג אַראָפּ אין טאָל.
וועסט אָנצינדן אַ לאָמפּ,
וועט אונדזער פענצטער ווערן אַ לייכט־טורעם
פאַר ווייטע שטערן.
איך וועל אַ לאַנגע נאַכט
טרינקען פון דיין האַלדז
די פרייד,
וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט טרערן.

פרוי

פרוי,
אין דיינע ברוינע אויגן בלאָנדזשען אַרום
נעכטיקע טעג.
אויף דיינע גרוילעכע האָר פרירט
אַ פאַראַיאָריקער שניי,
און דיינע שמאָלע ליפּן שלעפּן קוים —
דעם שווערן קאָפּ פון אַ מאַן.

דיינע שיך

ביי נאַכט, ווען דו שלאָפסט,
שווייגן דיינע שיך.
זיי ווילן דיך נישט שענער מאַכן
און נישט בעסער.
אַט אַזוי ווי זיי זיינען,
זיינען זיי גערעכט.
און יעדער קנייטש איז גורל,
און יעדער בויג איז מזל.

בלעטערן מיר דעם האַרבסט

בלעטערן מיר דעם האַרבסט,
ווינטערן וועלן מיר באַזונדער.
צעטיילן וועט אונדז די תּפיסה,
וואָס האָט אונדז נאָכגעקוקט
מיט בלינדע פענצטער,
ווען מיר זענען פאַרבייגעפאָרן.
די אָזיערע דערשראָקן צווישן רויטע ביימער,
די געשרייען פון הויכע פייגל
איבער אָן אונטערגעהאַקטן בוים.
דאָס רויטע וואַרעמע ווינטער־היטל,
וואָס מיר האָבן פאַר אונדזער קינד געקויפט
אין שטעטל דאַנבורי —
וועט ברענען ווי אַ רויטער פאַקל
אין די לאַנגע ווינטער־נעכט.

כ׳ גע ד ע נ ק

יעקב פאַטון

כ׳געדענק,
דאָס איז געווען אין אַ פאַרנאַכט אַזאַ
ווי הײַנט,
כ׳בין געווען אַליין אין אַ גאָרטן.
די בענק זענען געווען ליידיק און פאַרלאָזן,
ווי זיי וואָלטן געוווּסט,
אַז ס׳וועט שוין קיינמאָל מער
קיין מענטש אויף זיי נישט זיצן.
לאַנגזאַם זײַנען בלעטער געפאַלן
און געציילט די האַרבסטן אויף דער ערד.
אַ שטילקייט איז געווען אויסגעשפּרייט,
ווי פאַר אַ שטורעם.
אין וועלכן לאַנד איז דאָס געווען?
אין וועלכער שטאָט?
דאָס איז געווען אַ טעמפּל,
אָן אַ גאָט,
און אָן מתפּללים, —
און וויאַזוי בין איך פון דאָרט
אַנטרונען? —

ס׳איז דער האַרבסט

ס׳איז דער האַרבסט מיר אָקעגנגעקומען
מיט ווייכע און ווייגנדיקע טריט —
נאָך וועלכע איך האָב אומזיסט
אין פרילינג געבענקט.

פון גאַסן־ראָגן קומען בעטלערס אָן,
דער ווינט וויגט די טאָרבעס אויף זייערע רוקנס,
אין וועלכע ס׳צייטיקט זיך פאַר מיר
דאָס ברויט און זאַלץ.
אַלטע פרויען
רעדן עפּעס שטיל צו זיך —
און איך האָרך,
און איך האָרך.

ווען די ביימער

ווען די ביימער בלייבן נאַקעט,
פריי פון פייגל און פון בלעטער —
שווארצן זיך אויף זייערע צווייגן
נעסטן שפּעטע.

ווען הארבסט-נעכט אויסזיצן
שנייען אין די שווארצע נעסטן,
זאָרגן אין די שפּעטע נעסטן, —
קורצע, בלינדע טעג.

אַן עמער וואַסער

„רייזל ברענג אַן עמער וואַסער" —
זאָגט די מאַמע
און איך פֿאָלג.
שוין יאָרן ווי איך טראָג דאָס וואַסער —
פֿון דער מאַמע איז געוואָרן רויך.
דער ברונעם איז שוין לאַנג פֿאַרשאָטן.
די זמנים בייטן זיך:
ס'איז ווינטער,
ווינטן רייסן מיינע גלידער,
איך האַלט זיך אָן אין עמער וואַסער.

ווי שפעט איז?

ווי שפעט איז?
האט א מענטש געפרעגט א באנק.
ווי שפעט איז?
האט די באנק געפרעגט דאס גראז.
ווי שפעט איז?
האט דאס גראז געפרעגט דעם וואלקן.
ס'איז שפעט, שוין שפעט,
האט א פויגל געפלאטערט מיט די פליגל —
און לאנגע שאטנס האבן איינגעהילט
די ערד.

די בעטלערין

ביימאָג איז זי אַ גרויע בעטלערין,
מיט בייזע אויגן
פון אַ וואָרטשעדיקן הונט.
אָרעם און געלאַטעט איז דאָס קלייד אירס,
מיט בלויע האַרטע אָדערן
פאַרקניפּלט זייַנען אירע הענט.
נאָר אין די אָוונטן,
ווען פינצטערניש וועבט צונויף
אַלץ וואָס אויף דער ערד, —
ווערט זי די קעניגין,
די גרויע קעניגין
פון שוואַרצן קעניגרייך.
איר גרוי און קליין געשטאַלט
טיילט וואַרעמקייט —
דער ציג אין שטעלעכל,
דיביימער פאַרן שלאָף,
זי צינדט אַ פייער אָן אין קעכל,
זי מישט און קאָכט
אין גרויסן טאָפּ,
דער הימל גידערט אַראָפּ מיט אַלע שטערן
און בעטלט ביי דער אַלטער פרוי —
רו און גנאָד.

די אָרעמע

די אָרעמע װעלן ירשנען די ערד.
זײ װעלן אָנטרינקען דאָס זאַלץ
און איבערבעטן דעם הימל
מיט װײַסע צײנער פון די טויטע.
די אָרעמע װעלן ירשנען די ערד.

אָרעמע מענטשן

די אָרעמקייט האָט אומעטום
איין קאָליר.
אָרעמע מענטשן גייען שטיל איבער דער ערד
און רעדן צו די װערעם.
פון אונטער אַלע שטײנער
קוקט אויף זיי דער טויט —
און רופט זיי.

ברויט פאַר די פייגל

האָסטו פאַרזוכט אַמאָל
דאָס ברויט,
וואָס מענטשן וואַרפן פאַר די פייגל?
ס׳האָט דעם טעם
פון ערד,
פון שטיין,
פון געלעכטער
און געוויין,
פון טעג און נעכט
בלוט און זאַלץ, —
ס׳האָט דעם טעם פון דיר,
מענטש!
האָסטו פאַרזוכט אַמאָל
דאָס ברויט,
וואָס מענטשן וואַרפן פאַר די פייגל?
עס אַזאַ ברויט —
און וועסט זיך אויפהייבן
אויף פליגל.

אַ רויטע, האַרבסטיקע זון

איך בענק נאָך די ים־לייבן
און בענק נאָך דעם דיכטער.
ביידע זיינען נישט צוגעפּאַנקערט
צו מיינע זומערדיקע ברעגן.
זייערע שאָטנס וואַכן איבער מיין שלאָף,
און לויפן דורך מיינע חלומות
מיט שווערע, טרויעריקע פיס.

ענג זיינען פאַר זיי די וואַסערן אין די ימען,
און די יבשה קען אויך נישט
לעשן זייער דורשט.
אויף די געהיימע וועגן פון דערנער
און שטאָמען
זוכן זיי די פאַרלוירענע רו.
ווינטער וועלן זיי קומען מיט גלאַנצנדיקע נאַקנס
אין טיפן שניי,
אַ רויטע, האַרבסטיקע זון —
וועל איך נאָך הענגען איבער זיי.

די לבנה

די לבנה האָט שוין אויסגעוואַנדערט אין מיר
אַלע ווייטסטע שטחים,
די בערג מיט שווייגן
האָט זי אויסגעמיטן.
די פינצטערע וועלדער, וואָס דרימלען אין מיר,
האָט זי אַנגערירט
קוים איבער די שפּיצן.
די צייטן, אין וועלכע איך בין קיינמאָל נישטאָ,
באַלויכט זי קאַלט און שאַרף.
די לבנה —
די יורשטע פון מיינע לידער.

די בערגלעך זיינען מיינע שכנים

די בערגלעך זיינען מיינע שכנים,
קומען זיי אַמאָל צוגאַסט.
שפּיגלען זיך אין מיינע שפּיגלען,
קעמען זיך מיט מיינע בערשט.

מעסטן אָן די קליידער מיינע
און באַוווּנדערן די קנעפּ,
בלעטער אין מיינע ביכער,
זוכן לידער פון די נעכט.

און אַז ס'ווערט שוין נאַכט איינדרויסן,
און זיי גייען שוין אַוועק —
גיי איך נאָך זייער לאַנגן שאָטן,
ביז איך ווער אַ שטיין ביים וועג.

איך בין וואַסער

איך בין וואַסער
דו — הימל,
דיינע טראַכטעונישן זיינען מיר באַקאַנט.
איך וויג די וואָלקנס דיינע
אין מיין דרימל
מיט אַ ווייסער און פאַרליבטער האַנט.

דיינע שאָטנס וואַקסן אין מיר טיף —
פלאַנצן לאַנגע, מיט ווייסלעך גרינע פינגער,
קילע, נעמען זיי אַרום מיין גוף
און רעדן־צו מיך
צו אַ טויט אַ גרינגן.

איך בין וואַסער,
דו — דער הימל.
די ברעגן זיינען ציטלאָז,
אָן אָן ענד.
אייביק וועלן מיר זיך שפּיגלען
אין בליק,
וואָס פאַרבלענדט.

די רויטע פאַרם

פאַר איך,
כ׳פאַר פאַרביי
אַ רויטע פאַרם.
אַלץ איז דאָ רויט.
דאָס הויז,
די לאָדנס,
די שטאַלן,
דער הונט.
דער הימל ליגט אַ רויטער
אויסגעפּלאַסטערט נעבן טויער.
ביימער שלאָפן אויף רויטע בענק.

ווען אַרויסקומען דער באַלעבאָס —
אין הויכע שטיוול
מיט אַ בייטש אין האַנט,
וועט ער אַרויסטרייבן די קי
אויף רויטע פּאַשעס —
נאָר פּלוצלונג האָט אַ האָן
זיך הייזעריק צעשריגן;
די באַן האָט זיך אויפגעכאַפּט,
איז פאַרבייגעפאָרן —
און די רויטע פאַרם איז צערונען.

צו בעטהאָווענס לבנה סאָנאַטע

ווייסע פערד,
שוואַרצע פערד,
איבער שלאָפנדיקער ערד —
וווהין גייען זיי, די פערד?

וווהין איילן זיך די וואָלקנס,
אומרואיקע חלומות אונדזערע —
וווהין איילן זיך די וואָלקנס?

איינגעשלאָפן פלאַנצן, חיות,
קיינמאָל שלאָפט נישט איין
דער טייך.
יאָגט זיך אייביק צו די ימים,
טרייבט אונדז נעגמער צו דעם טויט!

ווייסע פערד,
שוואַרצע פערד,
איבער שלאָפנדיקער ערד —
וווהין גייען זיי, די פערד?

הויערט אין טאָל אַ געשריי

הויערט אין טאָל אַ געשריי
טאָג־אוים, טאָג־איין —
איך וויל אַהיים,
אַהיים גיין וויל איך!
(אַהיים גיין וויל אויך דער שניי.)

יעדן פֿאַרנאַכט
שטאַרבט אין טאָל דאָס געשריי,
ווען ס׳פֿאַרגייט די זון
און צו איר האָרן
קלאַמערט זיך דער באַרג.

תפילה

תפילה

ערד,
לאָז מיך נאָכאַמאָל דערפילן
דעם ריח פון דיינע גראָזן,
מיטן רוישן פון די ביימער
אין דיינע וועלדער, --
לאָז מיך ווידער שווימען
צו לויטערע ברעגן.
זאָל ווידער זיין פריינטלעך צו מיר
די גרויע קאָרע פון דיינע סאָסנעס.
ווייל אַלץ טרינקט זיך
אין אַ בלוטיקן נעפל.
די בלעטער שרייען,
און די זון שטעכט.

ערד,
לאָז מיך נאָכאַמאָל דערפילן,
דעם ריח פון דיינע גראָזן.

גאָט האָט פֿאַרבאַהאַלטן זײַן פּנים

אַלע װעגן האָבן געפֿירט צום טױט,
אַלע װעגן.
אַלע װינטן האָבן געאָטעמט מיט פֿאַרראַט,
אַלע װינטן.
אויף אַלע שװעלן האָבן געבילט בײזע הינט,
אויף אַלע שװעלן.
אַלע װאַסערן האָבן אונדז אױסגעלאַכט,
אַלע װאַסערן.
אַלע נעכט זײַנען פּעט געװאָרן פֿון אונדזער שרעק,
אַלע נעכט.
און די הימלען זײַנען געװען נאַקעט און לײדיק, —
אַלע הימלען.
גאָט האָט פֿאַרבאַהאַלטן זײַן פּנים.

ס׳איז בלייך געוואָרן דאָס גראָז

ס׳איז בלייך געוואָרן דאָס גראָז,
דער הימל איז קאַלט, —
מיין ברודער דוד,
איך זוך דיך מער נישט אויף דער ערד.

איך וועל איצט נאָר וואָלקנס באַגלייטן
לאַנג מיט די אויגן,
איך וועל דיך איצט זוכן, מיין ברודער,
אין האַרבסטיקן שווייגן.

איך גיי מיט מיין זון איבערן ליימיקן פעלד,
אויף די פוילישע וועגן, —
אָ, זאָלן זיי קומען, די האַרבסטיקע נעכט,
איבער פאַרבלוטיקטע וועגן.

פון אַ וואָלקן קוקט אויף מיר די מאַמע

פון אַ וואָלקן קוקט אויף מיר די מאַמע
מיט פאַרבלוטיקטע אויגן —
טאָכטער, פאַרבינד מיר די ווונדן.
איר גרויער קאָפּ איז געבויגן.

מיין שוועסטער וויינט צווישן די בלעטער
פון אַלע גרינע ביימער:
מיין מיידעלע, מיין טאָכטער ווו איז?
רייזל, קלויב צונויף אירע ביינער.

מיין ברודער שווימט אין די וואַסערן
טעג, וואָכן, יאָרן.
די טייכן שלעפּן אים פאָרויס,
די ימען וואַרפן אים צוריק.

מיין שכן וועקט מיך אין די נעכט,
זיין קול איז פול מיט געוויין:
נעם מיך אַראָפּ פון דער תליה —
לייג מיך אין קבר אריין.

מאַי. איך גיי אַרום צווישן שאָטנס
מיט מיין קליינעם זון אויף די הענט.
אַזויפיל לעבנס פאַרשניטענע קלאַמערן זיך
צו מיר, צו מיינע ווינקלען, צו מיינע ווענט.

אַזויפיל לעבנס פאַרשניטענע ציטערן
אויף די לאַנגע וויעס פון מיין קינד,
אַזויפיל לעבנס פאַרשניטענע קלאָגן
אין מאַי, אין פרילינגדיקן ווינט.

איך וויל נאָך אַמאָל דאָ גיין איבערן גראָז

געווידמעט די 3030 קדושים פון מיין היים־שטעטל גאָמבין, וואָס זיינען אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן פון כעלמנאָ, אין פוילן, אין אַפּריל 1942.

א.

איך וויל נאָך אַמאָל דאָ גיין
איבערן גראָז,
און וויינען
פאַר דעם הימל,
און פאַר דעם ווינט,
וואָס ווייעט פאַר מיין פנים.
איך וויל נאָך אַמאָל אויסמעסטן דאָס אומגליק
אויף אָט דעם שטיקל ערד,
ווו ס'איז אַמאָל געווען מיין היים.
די טיר איז נישטאָ,
און די מאַמע —
זי וועט מער נישט אַהיים קומען
אַ פאַרשנייטע,
מיט אַ בלויען קרוג מילך אין דער האַנט, —
און מיט אַ בלויען פאַרטאָג אין די אויגן.
די פענצטער זיינען נישטאָ,
די זון וועט מער נישט וואַנדערן
פון וואַנט צו וואַנט,
פון ווינקל צו ווינקל,
און אויסצויבערן מיר
אַ גרינע קאַץ אויף אַ בענקל.
נאָר די ווערבעס ביים טייך זיינען דאָ —
מיין טרער פאַלט אַריין אין וואַסער,
און צעשטערט אויף אַ ווײַלע זייער רו.

ב

פאַלן, פאַלן געלע בלעטער.
אַ מעשה בלאַנדזשעט אַרום אויף די וועגן,
אַ מעשה וועגן מענטשן צונויפגעטריבענע אויף אַ פעלד —
עס האָט געגאָסן אַ פרילינגדיקער רעגן.

דריי טויזנט יידן אָן וואַסער, אָן ברויט,
פיר לאַנגע פרילינגדיקע מעת-לעתן.
קליינע קינדער האָבן געוויינט פאַר די שטערן —
זיי האָבן געוואָלט עסן.

פון קינדערישן געוויין זייגען טונקעלער
נישט געוואָרן די וועלדער אַרום.
אָט זיינען זיי, די גרינע וועלדער,
די וועלדער פון גאָמבין.

דער טיפער בלויער הימל
איז נישט אַראָפּ מיט אַ פייער פון דער הויך.
אויפן פעלד פיטערן זיך קי,
אַ פּאַסטעך בראָט קאַרטאָפל ביים רויך...

וואָס זוך איך נאָך דאָ, אין דעם שטעטל?
עס באַגעגנט מיך די געשטופלטע סטאַשע —
זי לעבט, זי שפּאַצירט מיט זעלנער,
זי איז שיכור און נישט געוואַשן.

ג

ווער רופט מיך דאָ אין פעלד?
ווער קען מיך נאָך דאָ, מיין נאָמען?
אַ דאָרן ברענט אין פעלד —
אַ קינד שרייט פון די פלאַמען.

איך טו אויס מיינע שיך און גיי צו,
צום קליינעם זון פון מיין שכן:
זיינע הענטלעך זיינען שוין קויל,
נאָר די אויגן זיינען אָפן...

איך גיי אוועק פון דיר, שטעטל,
דיינע וועגן זיינען בלוי ווי אַמאָל.
וועסט ווייטער פראַוועון הארבסטן, ירידים,
און דער טייך וועט פליסן אין טאָל.

מיר לעבן ווייטער

מיר לעבן ווייטער אויף דער ערד,
וואָס האָט איינגעזאַפּט אונדזער בלוט און טרער.
ס'וועט זיין אַ גרינער פרילינג —
ביינער אונדזערע צעמאָלן אויף אַש,
מיר לעבן ווייטער, אַ הייפעלע געבליבענע אויף קדיש.

מיר עסן ברויט פון די פעלדער,
טרינקען וואַסער פון קוואַל.
די זון איז באַרעמהאַרציק,
זי רירט אונדז אָן מיט אַ שטראַל...
מיר פירן אונדזערע קינדער ביי די קליינע הענט,
פאַרביי חרובע היימען, חרובע ווענט,
פאַרביי טויטע אינדזלען פון טויטע קינדער־יאָרן.
דער ווינט הוליעט פראַנק און פריי אַרום.

מיר לעבן ווייטער. עס פאַלט אויף אונדז אַ שניי.
מיר טרעפן ווייסע ביימער, יאָ, מיר זעען זיי.
מיר טרינקען די דעמערונג מיט טונקעלע אויגן,
און ריידן שטומע רייד צו קליינע, גרויע פייגל.

טייערע שכנים

קויפט, קויפט, טייערע שכנים,
קויפט דאָס שטיקל ערד.
ביליק, בחצי־חינם!
איר וועט זיך דאָ אויפבויען אַ הויז,
אויסגראָבן אַ ברונעם,
און אַ גאָרטן פאַרפלאַנצן הינטערן פענצטער.
עס וועלן אייך נישט שרעקן קיין געשפּענסטער;
מיין מאַמע וועט נישט קומען פון גאַז־קאַמער צוריק,
אירע אייניקלעך אויך נישט.
און איך וועל אויך נישט קומען מער אַהער,
מיט מיין טרער.
איך נעם בלויז אַ שטיין —
מיין מאַמעס פוס האָט אויף אים געטראָטן.
אין פרעמדע, פאַרוואָגלטע נעכט
וועט ער זיין מיר אַ קישן צוקאָפּנס.

מיין שוועסטער חנה

אויפֿן גרינעם גראָז,
הינטערן הויכן באַרג,
בלאָנדזשעט אַרום מיין שוועסטער חנה.
איך רוף זי אין די נעכט —
שוועסטער מיינע, קום!
ענטפֿערט זי גאָרנישט,
עס רוישן די קאַשטאַנען.

אויף אַ קילן וואָלקן,
אין אַ בלויער שיף
שווימט אַרום מיין שוועסטער חנה.
איך רוף זי אין די טעג —
שוועסטער מיינע וואַרט!
ענטפֿערט זי גאָרנישט —
און שווימט אַוועק פֿון דאַנען.

נאָר אָפּטמאָל וויינט דער שפּיגל.
איך קוק אַריין דאָרט טיף,
אין די אומעטיקע אויגן
פֿון מיין שוועסטער חנה.
די האָר זיינען שוין גרוי —
ניין, דאָס איז אַש,
ווייסער, גרויער אַש,
פֿון מיין שוועסטער חנה.

צוויי שטיינער

דער טייך נעבן אונדזער הויז
האָט זיך אָנגעהויבן
אין די אויגן פון מיין ברודער —
שטיל און גרוי.

שטיל און גרוי פליסט דער טייך,
צוויי שטיינער קוקן מיך אָן;
דאָס זיינען די אויגן פון מיין ברודער —
אויסגעטאָן שוין — פון שרעק און האָפענונג.

דאָ האָבן דייטשן געלעבט

דאָ האָבן דייטשן געלעבט
אין די שטיבער —
וויגט זיך און ס'וויגט זיך די ערד
צוזאַמען מיט די גריבער.

דייטשן האָבן דאָ געטרונקען
ווייַן פון אונדזערע שבתדיקע בעכער —
און צעשפּרייט אונדזערע ביינער
איבער אַלע פעלדער פון אייראָפּע.

דער זייגער האָט דאָ געקלונגען
די קלעפּיקע שעהן —
ווען אין גאַז־קאַמער האָט מיין מאַמע פאַרמאַכט,
אירע אויגן, בלויע.

ביימער האָבן גערוישט,
געשיינט האָט די זון,
ווען פאַרברענט האָט מען מיין פאָלק
אין די אויוונס פון מאַידאַנעק און אָשוויענטשים.

פאַרוואָס האָסטו נישט גערעגנט מיט שוועבל,
רעגן — שליח פון גאָט ?
פאַרוואָס האָסטו נישט געהאָגלט מיט שטיינער
דאָ, איבער דייטשע קעפּ ?

פאַרוואָס האָסטו נישט גערעגנט מיט טרערן
כאָטש פון איין יידיש קינד ?
מיט בלוט, פאַרוואָס האָסטו נישט געיאָמערט
איבער די דייטשע שטעט ?

ברענג מיר דאָס בלוט פון דעם שונא

ברענג מיר דאָס בלוט פון דעם שונא אויף דיין מעסער,
איך אייל דיר אַנטקעגן מיט די טייכן, —
ברענג אונדז דאָס בלוט פון דעם שונא אויף דיין מעסער,
וועט אונדז פרייל̈עכער ווערן פון דעם רויטן צייכן.

ברענג מיר דאָס בלוט פון דעם שונא אויף דיין מעסער,
ס'וועט לעשן מיין האַרץ.
ס'וועט לעשן די שנאה, וואָס ברענט אין די אויגן,
און מיינע האָר וועלן צוריק ווערן שוואַרץ.

ברענג מיר דאָס בלוט פון דעם שונא אויף דיין מעסער,
וועל איך קושן דיינע הענט לאַנג און פרום,
ברענג מיר דאָס בלוט פון דעם שונא אויף דיין מעסער —
און איך וועל דיר שענקען אַ בלום.

איך קען דיך נישט פאַרהיטן

איך קען דיך נישט פאַרהיטן, מיין קינד,
פון שלעכטע חלומות.
צי טאָר איך דען פאַרשטעלן דעם וועג
פאַר דורות,
וואָס וויינען אריין אין דיין חלום?
דיין בעטל — אַ הילצערן שיפל
אויף שוואַרצע כוואַליעס פון האַס —
איך ריר אָן מיט די ליפּן דיין קעפּל,
ווערט שטילער אין דרויסן די גאַס.

איז די לבנה אַ הונט?

איז די לבנה אַ הונט?
און אַז איך וועל איר געבן אַ פינגער,
צי וועט זי אים אָפּבייסן?
דאָס וואַרעמע הענטל פון מיין קינד
צאַפּלט אין מיין האַנט.
עס גייען שטילע, ווייסע גאַסן.
פון אַ דאַך קריכט דער שניי אַראָפּ,
מיט אַכט לאַנגע פיס.
— קום גיכער, מיין קינד, —
כ׳האָב שיער נישט פאַרגעסן,
ווו אונדזער שטוב איז...

די פידל

נאַכט. איבער שאָטנס פון נאַקעטע ביימער
שפּאַן איך מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ.
ווינט און געלע לאַמטערן, און איבערן קאָפּ אַ הימל
מיט קאַלטע שטערן.
— שווימען אונדזערע שיפן אויף ימען
צום צוגעזאָגטן לאַנד.
וואָס נענטער די שיף קומט צום ברעג,
אַלץ אומרואיקער וואַרפט זיך דער ים.
די ערד פאַרשווינדט ווי אַ מיראַזש,
און דאָס האַרץ איז אַ בעכער מיט סם.
דאָס צוגעזאָגטע לאַנד פאַרשווינדט
מיט אַלע בערגלעך און טאָלן.
געבליבן איז אונדז נאָר די פידל,
וואָס דוד האָט אויף איר געשפּילט פאַר שאולן.
געזאָלצן זיינען די וואַסערן,
און די ערד ?

דורות לאַנג האָסטו פידל, געוויינט, –
איצט ווערסטו אין אונדזערע הענט די שווערד.

ל י י ד י ק ע ר ש ט ח

דער פּאַרנאַכט וועט מיך מער נישט אהיים פירן
צו דער מאַמעס טיר.
מעגן אַלע שטערן זיך אויסשטעלן אין אַ ראָד,
ווו איך זאָל נישט ווענדן מיינע טריט —
ליידיקער שטח וואַרט אויף מיר.
דער ווינט וועט מער נישט ברענגען
קיין היימיש קול צו מיין אויער —
וויג מיך, וויג מיך, טרויער.

א י ן ו ו אַ ל ד

איך ווייס נישט וואָס איז העלער,
דאָס זאַמד צי די פייגל?
אַ טרוקן צווייגל קנאַקט אין מיינע פינגער.
ס'איז שטיל אין וואַלד.
בלויז דער ווינט בלאָנדזשעט אַרום
איבער שפּיצן פוןביימער,
און זוכט זיין פאַרלוירענע היים.

דאָרט ווו די סוויאַגע

דאָרט ווו די סוויאַגע
פאַלט אַריין אין דער וואָלגע,
איז דיין בלוט אַריין אין מיין לעבן.
און וויל ווינען דאָ, אין דעם דאָרף,
אין אַ כאַטע צווישן גרינע קליאָנען,
און קלויסטערן אַ סך.
זאָל קילן מיינע מידע פיס,
דער היליקער סוויאַגע־טייך.
דער טייך וועט זיך פאַרדרייען
אַרום אונדזערע טעג, —
דאָ וועל איך מיין קינד געבוירן.

מיין קינד קלאַפּט

מיין קינד קלאַפּט מיט פאַרמאַכטע וויעס
אין דעם טויער פון דער וועלט.
ס׳איז כסליו —
די ווערבעס ציטערן אין פראָסט
און עס שמעקט די צעשטערנטע קעלט.
ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ פון מיין קינד:
עפן!

ביים ראַג פון גאַס האָב איך זיך
מיט דער אַכטער לבנה געטראָפן.
מיט יידישע אויגן קוק איך
דער לבנה אין פנים אריין:
— מיין קינד, דאָס בלוט אין דיינע אָדערן איז זאַפּט
פון גלויבן און פּיין,
געלייטערט ביי די טייכן פון בבל
און ביי די ברעגן פון ניל.
ס׳האָט מיין מאַמע אין אַ שטעטל אין פּוילן
געדאַוונט אין אַ שול,
די שול איז געווען פון האָלץ
אַלט זעקס הונדערט יאָר
און די ביינער פון די זיידעס
האָבן געלויכטן אין טאָל.

די שול איז פאַרברענט,
דער טאָל צעטראָטן.
אויף אָפּגעמעקטע קברים
הויערן נאָר שאָטנס.

— כ׳שטעל פאַמעלעך די טריט.
איך גיי לייכט אַזוי ווי אַ שטראַל,

ווי אַ וואַנדערער אין מדבר,
וואָס האָט געפונען אַ קוואַל.

מיין קינד קלאַפּט מיט פאַרמאַכטע וויעס
אין דעם טויער פון דער וועלט —
דער הימל איז פול נאָך מיט שטערן און הבטחות,
ווי אַמאָל, איבער יעקבס געצעלט.

דער וואַגאַבונד

קיין קרייטעכין האָט נאָך נישט געשפּראָצט
פון דער ערד,
קייןביימל איז נאָך נישט געוועזן
אין פעלד,
נאָר אַ נעפּל פלעגט אויפגיין פון דער ערד
און אָנטרינקען דעם הימל
און נאָך אַ הימל.

אָבער דאָס פּנים פון וואַגאַבונד,
וואָס האָט מיך אָנגעקוקט היינט
אויף אַ גאַס,
דאָס פּנים איז שוין געווען,
זיינע אויגן האָבן שוין גענעכטיקט אין יענע נעכט,
די אויערן האָבן שוין אַרויסגעשטאַרצט
פון דער ערד
און געפרעסן די געוויקסן פון קראַנן,
פון בערג
און פון גאָט.

אין אַ פאַרטונקלטער שטאָט

וויינט אַ פרוי ביינאַכט אין דער פינצטער,
אין דער שוואַרצער שטאָט איז אַפּריל.
איך שטעל זיך אָפּ אין מיטן דער גאַס,
ס'איז פינצטער אַרום, ס'איז שטיל.

די פרוי פאַרגייט אויף דער צווייטער זייט גאַס,
מען הערט שוין מער נישט קיין טריט,
נאָר אין דער פינצטער הענגט נאָך איר געוויין, —
עס גייט נאָך אַרום אין מיין בלוט.

פרוי, ווער ביסטו? כ'האָב נישט געזען דיין פּנים,
און כ'וועל קיינמאָל מער נישט אָנען דיין געזיכט.
שטעל זיך אָפּ אַ רגע! הער,
הינטער אַלע שוואַרצע פענצטער איז דאָ ליכט!

ווייט, ווייט איז דאָס שטעטל

ווייט, ווייט איז דאָס שטעטל
אונטער שנייען —
די ווערבעס וואָס האָבן מיין שלאָף באַוואַכט,
חלומען זיך מיר יעדע נאַכט.

מן־הסתם האָבן זיי זיך נאָך מער איינגעבויגן
איבערן טייך,
וווּ איך פלעג אַ באָרוועסע מיט וואָלקנס
ריידן הויך.

ס'האָט די מאַמע געוואַרט אויף דעם וואַסער,
אַ שעה און נאָך אַ שעה,
נאָר דער טייך האָט געזילבערט,
און די קרוג איז געווען בלאָ.

קי זיינען געקומען צום וואַסער
און געטונקען די קעפּ,
זייער פּאַרנאַכטיק געשריי
האָט די שטערן געוועקט.

ווייט, ווייט איז דאָס שטעטל —
אַן אויסגעריסן בלאַט פון דער מאַמעס סידור ;
די ווערבעס וואָס האָבן מיין שלאָף באַוואַכט,
חלומען זיך מיר יעדע נאַכט.

די פּאַרטיזאַנקע

אַרומגעוויקלט אין קאַלטע ווינטן,
געהילט אין צעשטערנטע נעכט,
איינגעטוליעט אין ווייסע פרעסט,
שלאָפט טאַניע אונטער אַ בערגל ליכט.

לאַנגע טעג איז זי געהאָנגען אין ווינט,
לאַנגע נעכט זיך געוויגט אויף דער תּליה,
דער שניי האָט פאַרדעקט אירע געפרוירענע אַקסלען,
און די פאַרנאַכטן האָט זי געברענט אין דער שקיעה.

מען האָט באַגראָבן די פאַרטיזאַנקע,
דאָס יונגע מיידל מיט שטאָלצע ברעמען,
פון בערגל ערד וואַקסט אַרויס איר האַלדז,
איר שטאָלצער קאָפּ שטייגט אַרויף צו די רוימען.

וועלן אין פרילינג בליען אירע ליפּן,
צעריסן, צעביסן, געפּייניקט אין בלוט,
וועלן אין פרילינג דאָ קנאָספּן אירע ליפּן,
פאַרזיגלט מיט אַ שווייגן, וואָס איז שטאַרקער פון טויט.

און ווען פאַרטיזאַנען אין טיפע שנייען
טראָגן טויט צום שונא אין רוקן,
פירט זיי פאָראויס די טויטע טאַניע,
זי צינדט די שנאה אין זייערע בלוטן.

און שלאַנק איז איר קערפּער, מיידלעריש, דין,
זי שוועבט אויפן שניי, זי פליט אינעם ווינט,
ציען די קעמפער נאָך איר אויס די אָרעמס,
בלייבט בלויז איר בלויער שאָטן אין זייערע הענט . . .

נאָר אַ שטילער ווינט גלעט זייער פּנים,
נאָר דער שניי צעגייט מיט אַ טרער אין זייער ברעם.
מאַגיע איז ווייט, זי ווינקט פון אַ שטערן,
זי הענגט אויף די צווייגן פון אַ ווייסן בוים.

ווען עס פאַלט אַ שטאָט

ווען עס פאַלט אַ שטאָט
קומען נישט פון זין קיין בריוו —
שטילער שפּילן זיך די קינדער,
מאַמעס אַקסלען ווערן שיף.

פאָטאָגראַפיעס אין אַלבומען
ציטערן אין פרויען-הענט,
מענערישע פולע אויגן
שווייגן שטיל אַראָפּ פון ווענט.

נאָענטע, היימישע געזיכטער
שוועבן אין דער לופט אַרום,
קילע באַק אין מוטערס שויס
באַהאַלט זיך אין די פאַלדן שטום.

שנייען

שנייען, שנייען און איך אינדערמיט,
אַ ווייסקייט, אַ קלאָרקייט האָט אין מיר זיך צעבליט.
איך זשמורע די אויגן, איך שטרעק אויס די הענט —
אין אַ פֿאַרשלאָסענעם גאָרטן זיצן ביימער אויף בענק.
די בענק זיינען ווייס, מיט שניי אויסגעבעט,
די ביימער שווייגן, די שטילקייט גלעט.
איך וויל אַריין אין דעם גאָרטן, איך קלאַפּ אין דעם טויער, –
פֿאַרשנייט איז דאָס שלעסל, פֿאַרקאָוועט אין טרויער.
שנייען, שנייען און איך אינדערמיט,
אַ ווינט, אַ וויוגע לויפֿט אַרום אין מיין בלוט.
גאָס איין און גאָס אויס איך בלאָנדזשע אין שטורעם ;
איך זוך אין געווירבל מיין שטעטל, מיין היים,
די קליינע פֿענצטער פֿאַרקלעפּט מיט ליים . . .
נאָר דאָס שטעטל איז ווייט, אינדערמיט איז אַ שלאַכטפֿעלד,
אין בלוט און פֿייער רויכערט די וועלט.

שנייען, שנייען און איך אינדערמיט,
איך גיי נאָך אין שניי נאָך אַרמייאישע טריט.
ס׳באַגלייט אונדז דאָס דינע געוויין פֿון אַ קינד,
ס׳רינט איבער פֿעלדער, ס׳ציטערט אין ווינט,
עס פֿליסט אין די טייכן, אונטערן אייז,
עס שווימט מיט די וואָלקנס, לאַנד איין – לאַנד אויס.

צינד נישט אָן די לאָמפּ

צינד נישט אָן די לאָמפּ,
לאָז דאָס קראַנקע קינד איינשלאָפן.
דער זייגער וועט זיך אָפּשטעלן,
דער לאָמער וועט זיך אָנידערזעצן,
ער וועט אַרונטערנעמען דעם איינעם פוס
אונטער זיך —
און פריי לאָזן די וועגן.
דער בלינדער וועט אַרויפלייגןביידע הענט,
אויף די אויגן.
צינד נישט אָן די לאָמפּ.

אַ קינד

אַ קינד:
אַ ביסל וואַסער,
אַ ביסל הימל,
אַ האַלבער שאָטן פון אַ פויגל,
בלעטלעך פון אַ בלימל.

דער מאַמעס שמייכל,
דעם טאַטנס העמד,
לעצט-געלט
פון דריי מלאָכים פון דער פרעמד.

רואיק שלאָפט מײַן קינד

רואיק שלאָפט מײַן קינד אין בעטל.
ס׳איז שטיל געוואָרן, עס ברענט די שטאָט בערלין.
די לעצטע שאָסן האָבן אָפּגעהילכט,
אַ גרויע מוטער וואַרט אויף אירע זין.

דאָס טיכל אויף דעם האַלדז פאַרבונדן,
זשמורעט זי די אויגן קעגן זון,
אַ באַלאָדענע מיט זיסן נעקטאַר,
זשומט פאַרביי צוריק אַהיים אַ בין.

פון אָקעאַן צו אָקעאַן ליגט אויסגעשפּרייט דאָס לאַנד,
מיט זון באַגאָסן און מיט שײַן.
אַ טאָסט איז אויפגעהויבן פאַר דעם פאָלק, —
מוטערלעכע טרערן פאַלן אין דעם כוס אַרײַן.

מיר נעצן אַלע אײַן די ליפּן אין דעם ווײַן,
און האָבן דעם טעם פון זיג אויף אונדזער גומען;
עס וועלן מאַמעס וואַרטן, אייביק וואַרטן אויף די זין,
זיי וועלן אין שלאָפלאָזע נעכט צו זיי קומען...

און די מאַמעס, וואָס וועלן אין לאַנגע נעכט
וואַרטן — און זיך נישט דערוואַרטן אויף די זין,
וועלן זייער קינדערשן אָטעם הערן
אין שאָרך פון די בלעטער, און גאַנג פון די שטערן.

אין גאָרטן

„מאַמע", זאָגט מיין קליינער זון,
און נעמט מיט ביידע הענטלעך מיך אַרום.
אינדרויסן איז שוין האַרבסט,
די בלעטער פאַלן אַראָפּ פון בוים.

איך הער, ווי ס'ווערן האַרט
די ווייכע ביינער פון מיין קינד,
מיר גייען ביידע אין גאָרטן —
און קלייבן די בלעטער אין ווינט.

די שיכלעך פון מיין קינד ווייגעו

שלאָפט מיין קינד ביינאַכט אין בעטל,
איינגעהילט און איינגעטוליעט,
קומען טויזנטער פאַר שיך
צו מיין טיר אָן מיט אַ שטורעם!

קלאַפן שיך אין די ווענט,
קלאַפן אין דעם דיל —
קומען, גייען שיך פון גריבער,
טויטע שיך פון מאַידאַנעק.

און נאָך יעדערער פאַר
ציען זיך נאָך לאַנגע ווענן,
זיי וויקלען זיך מיין האַלדז אַרום,
נאַס פון בלוט און פון טרערן.

ווערט מיין שטוב פול מיט שיך,
די שיכלעך פון מיין קינד ווייגען.
איך זוך זיי אין דעם באַרג אַרום,
נאָר כ׳קאָן זיי נישט געפינען.

עס רופט אַ ווייטע האַנט מיך

די פרוי מיטן הונט

גאָט, זײַ גוט צו דער אַלטער פרוי
און צו איר הונט.
לאָז איבער זייער פנים רוישן
אַ שטילן ווינט.
די זון, איידער זי פאַרגייט, —
זי וועט נאָך איין מאָל אַ גלעט טאָן
זייערע טריט!

וויפל נעכט און טעג
האָבן זיי געבלאָנדזשעט,
געריסן זיך צו דיר,
צו זייער איצטיקער געשטאַלט?
וויפל רעגנס האָבן געוועקט זייערע אויגן,
און טייכן האָבן געוואַשן זייערע פיס,
ביז זיי האָבן היינט, אין פרימאָרגן,
געלאָזן זיך צו דיר אין טאַנץ?

גנבים

פאַרנאַכט,
צווישן זיבן און אַכט,
קומען גזבים אין גרויסע שטעט
צו טונקעלע טירן,
און צערייסן
מיט בלייכע פינגער
דאָס שפּינוועבס.
רעגנט פאַר נאַכט,
צווישן זיבן און אַכט,
און איך גיי
און איך גיי
צוויי שטובן פאַרביי
אין גרויסן בין־השמשות
צו אַ טונקעלער טיר —
האָבן גנבים נישט געעפנט די טיר?
גענומען מיין מאַנטל,
גענומען די שיך
און געלאָזן אַ נאַקעטע
און אַ באָרוועסע מיך?
נאָר די טיר איז צו.
די טיר איז פאַרמאַכט.
און פאַר נאַכט,
צווישן זיבן און אַכט,
צעפראַל איך די טיר,
לויף אַרויס אויף די טרעפּ!
אין ליים און אין רעגן,
ווו האָט איר פאַרבלאָנדזשעט,
גנבים מיט טונקעלע אויגן?

ווו איז דער בלייכער קעלנער?

וווּ איז דער בלייכער קעלנער?
ער איז דאָ מער נישטאָ.
איז ער געשטאָרבן?
לעבט ער נאָך וווּ?
די זעלבע טישלעך,
די זעלבע ווענט.
נאָר דאָס ברויט
וואָס ער פלעגט דערלאַנגען
דאָס זאַלץ, דערלאַנגט שוין אַ צווייטער.
אויסמיידן פלעג איך זיין פּנים,
דעם אומעטיקן פלעק,
איצט זוך איך און רוף אים
אין שפּיגל
אין פעטן,
וואָס פאַרנעפּלט מיין בליק.

אַ מעשה

דרייצן געסט טרינקען וויין
ביי אַ רונדן טיש.
איינער דערציילט אַ מעשה
פון אַ קאַץ און פון אַ פויגל.
די קאַץ האָט דעם פויגל דערשטיקט
ווינטער,
ביינאַכט,
אויפן בוידעם.

ליידיק זיינען די גלעזער,
די עפּל ליגן אויסגעצויגן —
שמאָל, לאַנג.
די געסט שווייגן ביים נאַכטיקן טיש,
קוקן צו די שוואַרצע פענצטער;
הינטער די פענצטער פליט די קאַץ
אַרומגענומען מיטן פויגל.

האַרבסטיקע וועגן

זע מיך,
קוק אויף מיר,
נעם מיך מיט —
בעט אַ שטיין אויף האַרבסטיקע וועגן ;
ס׳בעט דאָס פעלד,
דאָס גראָז,
אָרעמע שטובלעך אין שלאָף,
וואַסערן,
וואָלקנס,
דער הימל,
די באָרוועסע פיס פון פאַסטעך
דער עמער איבערן ברונעם.
זע מיך,
קוק אויף מיר,
נעם מיך מיט —
בעט אַ שטיין אויף האַרבסטיקע וועגן.
פאַר איך פאַרביי,
פאַר פאַרביי
כ׳הייב פון דער ערד אויף דעם שטיין,
און ס׳גייט אויף מיר אַ רעגן,
וואָס פאַלט איבער האַרבסטיקע וועגן.

ב ע ר ג

בערג אויף בערג
און נאָך אַ באַרג.
אָ, חלומות מיינע, טונקעלע!
נאַקעט ליגט איר
פאַר דער זון,
און פאַר דעם שטורעם.
און נאָר דער שמאָלער וועג,
צווישן טאָג און נאַכט,
פירט אייך צוריק צו מיר —
און גרויסע שטערן
וואַכן ווידער ביי דער טיר.

דער רעגן זינגט

דער רעגן זינגט
און איך וויין;
דער מאַמעס אויערן
ווערן קאַלטער ליים.
קאַלטער ליים
ווערן אירע הענט.
כ׳וועל עפֿענען די טיר —
וועלן רופֿן, שלעפֿן אַלע וועגן,
וועל איך עפֿענען דאָס פֿענצטער,
וועט די לבנה אויסלעשן מיין לעבן.

איך ווייס נישט וואָס עס טראַכטן

איך ווייס נישט וואָס עס טראַכטן
פֿערד אין אַ רעגן;
פֿערד איינגעשפּאַנטע
אין שווערע וועגן.

נאָר איך ...
איך וואָלט ליגן אויף אַט די וועגן,
אויף די וועגן, ביינאַכט אין אַ רעגן,
און ווערן געשלעפּט פֿון נאַסע פֿערד,
איבער דער גרויער און שטילער ערד.

וווהין ?

ווהין טשלאָפּעט די פרוי
אין די גרויסע, מענערישע שיך ?
דער רעגן גייט איר נאָך,
און איך — נאָך איר.
זי האָט אוודאי שוין אַ מאַן באַגראָבן
אין דער ערד.
און אפשר גאָר אַ זון מיט רויטע האָר ?
דאָס טוך אויף אירע אַקסלען
ציט זיך קרומלעך צו דער ערד.

פּאַפּירענע בלומען

איר לעבט נישט
און איר וויאַנעט נישט.
קיינמאָל וועלן אייערע בעכערס
נישט אויפנעמען
קיין שטראַל,
קיין בין,
קיין זשום.
מעג די זון פליצן טייכן ליכט,
מעג דער ווינט שלעפּן פון מדבר
דעם סאַמום —
איר בלייבט גלייכגילטיק,
שטום.
אומבאַרירלעך,
אומדערגרייכבאַר.
קאַלטע געטער!
בלויז דער שטויב,
דער גרויער שטויב,
בייגט אַראָפּ די קעפּ אייערע
די בונטע.

דער רעגן און דער עפּל־בוים

דער רעגן האָט פאַרפירט אַ שמועס
מיטן עפּל־בוים
וועגן מיר.
דער רעגן בייזערט זיך,
די בלעטער האָבן זיך איינגעשפּאַרט:
ניין און ניין.
דאָס קרײַט האָט אויך אונטערגעשטעלט אַן אויער.
און איך?
איך קוק דורך אַלע גרינע שויבן,
ציטערנדיק אַריין אין דיינע אויגן —
און וויין אַ נאַקעטע, פאַרן עפּל־בוים.

עס רופט אַ ווייטע האַנט מיך

עס רופט אַ ווייטע האַנט מיך —
קום!
פאַלן ווענט,
קרישלען זיך די מויערן.
איך פאַרנויג זיך טיף
פאַר די נאַרציזן,
פאַר די הינט,
און גיי אַנטקעגן —
די פרילינגדיקע טרויערן.

לײדיקער פּאַרק

איך האָב אַרײַנגעקוקט
אין אַ לײדיקן פּאַרק.
אויף נאַסע בענק
זײַנען בײמער געזעסן
און געקוקט אויפֿן רעגן,
אויף די הינט,
און אויף די טויבן,
מיט שוואַרצע פֿליגל בײַ דער ערד.

קרײַצן זיך אין מיר אַלײען
פֿון לײדיקן פּאַרק.
בײמער זיצן אויף נאַסע בענק,
זײ קוקן אויף דעם רעגן,
אויף די הינט,
און אויף די טויבן,
מיט שוואַרצע פֿליגל בײַ דער ערד.

אַז ס׳איז מיר קאַלט

אַז ס׳איז מיר קאַלט,
טוט אוים די מאַמע אירע פוטער־שיך
און דעקט מיך צו
מיט אירע אויגן־הייטלעך,
אַז ס׳איז מיר קאַלט.

און ליב האָב איך דאָס שטיקל ברויט,
וואָס די מאַמע באַשיט מיט זאַלץ.
איך עס דאָס ברויט
און ס׳איז געזאַלצן.

נאָר ווען איז דאָס געשען?
דער הימל האָט זיך פאַרוואָלקנט.
די מאַמע איז אַלט,
און באַלד וועט זי דערזען
די הרובע ווערבעביים וועג.

אין די פאַרנאַכטן בלייב איך
מיט ליידיקע הענט.
דער מאַמעס פּנים שווימט פאַרביי,
שווימט אַוועק
אויף קאַלטע, טונקעלע וואַסערן.

מיין פעטער הערש

קומט מיין פעטער הערש
פון דאָרף צו גיין צו פוס,
איז ער געפרוירן ווי אַ פּיען.
פּאַטשט ער מיט די הענט,
קלאַפּט ער מיט די פיס.
פּאַטשט און קלאַפּט
מיין גרויער, הויכער פעטער הערש.

הערט וואַרעמער ביי אונדז אין שטוב.
ס׳פּאַרשמעקט מיט זשיוויצע,
מיט בלעטער.
דער פעטער טרינקט טיי,
די מאַמע רעדט,
רעדט מיט בלויע אויגן אין פעטערס גרויער באָרד
אַריין.

ווערט זיך נאָך עפענען די טיר,
עס וועט אַריין
דעם פעטערס שטומע טאָכטער
פּעסע.
מיט דער אויסגעקרימטער ליפּ —
האָט לויפט אים נאָך פון דאָרף.

כ׳האָב ליב די בערגלעך

כ׳האָב ליב די בערגלעך —
זיי זיינען עלטער פון מיר
מיט אזויפיל נעכט,
מיט אזויפיל נעכט.

כ׳האָב ליב דעם טייך —
ער איז קליגער פון מיר
מיט אזויפיל טעג,
מיט אזויפיל טעג.

כ׳האָב ליב דעם בוים —
ער איז ברייטער פון מיר
מיט אזויפיל בלעטער,
מיט אזויפיל בלעטער.

כ׳האָב ליב דעם וואָלקן —
ער איז שווערער פון מיר
מיט אזויפיל טרויער,
מיט אזויפיל טרויער.

כ׳האָב ליב דעם שטיין —
ער איז שטילער פון מיר
מיט אזויפיל שווייגן,
מיט אזויפיל שווייגן.

כ׳האָב ליב דאָס זאַמד —
עס איז העלער פון מיר
מיט אזויפיל ליכט,
מיט אזויפיל ליכט.

ביבלישע נאַכט

די נאַכט איז געווען שוואַרץ.
די נאַכט איז געווען טיף, אָן שטערן.
דער ווינט האָט געראַשט צווישן ביימער.
דער ווינט האָט געזוכט לאָהן.
יעקב האָט באַהאַלטן דאָס פּנים
אין לאהס לייב:
— רחל, רחל, מיין ווייב!
זיבן יאָר האָב איך אויף דיר געוואַרט.
לאַנג זיינען געווען די טעג.
לענגער נאָך די נעכט.
אַזויפיל קאַלטע לבנות
האָבן אַרומגענומען מיין לייב.
רחל, רחל, מיין ווייב.
שטיל איז לאה געלעגן.
מיט דינע, ביטערע ליפּן

איז זי אַקעגנגעגאַנגען
איר זון ראובנען,
דעם בכור פון יעקבן.
די נאַכט איז שוין פול געווען
מיטן ריח פון די בלומען,
וואָס האָבן געוואַרט
אויף ראובנען
אין פעלד.

הגר אין מדבר

די קליינע הגר בלאָנדזשעט אַליין נאָך אין דעם גרויסן מדבר
און וויינט.
דער מדבר איז נאָך נישט געוואָרן קלענער,
און הגר איז נישט געוואָרן גרעסער.
הינטער צוגעמאַכטע אויגן זעט זי דעם מאַן,
וואָס זי האָט ליב.
געלע זאַמדן אַרום און אַרום.
דער ווינט פאַרשיט די קליינע פרויען־טריט —
דער מדבר שלינגט דער קליינער הגרס טרערן.
די קרוג איז ליידיק.
און אַלע מידע,
און אַלע דורשטיקע
טראָגן מיט ביידע הענט
הגרס ליידיקע קרוג.

יצחקס ברכה

עשו איז געלאָפן פון פעלד מיט דעם געפאַנג,
און געלאָפן איז דער הירש, דער ווינט.
דער באַרג איז נאָכגעלאָפן
מיט פיסלעך פון אַ קינד:
אָ, זאָל מיך אויך בענטשן
דער אַלטער פאָטער יצחק!
ווען זיי זיינען אַריבער די שוועל פון געצעלט,
איז שוין געשלאָפן דער אַלטער פאָטער יצחק,
זאַט און מיד.
זיין זילבערנע באָרד האָט געפינקלט אויפן טיש.
— — צו שפּעט —
האָט געזשומעט אַ פליג, וואָס האָט געלעקט
די לעצטע שטיקלעך ברכה פון דעם טעלער,
צו שפּעט.
עשו האָט געוויינט.

פון יענער זייט טיר
איז יעקב אַוועק
מיט דער ברכה אין די הענט,
און פּחד אין די טריט.

דער נביא און דער רעגן

דאַר זיינען געווען די אַקסלען פון דעם נביא,
זיי האָבן געציטערט
אין דער פאַרגייענדיקער זון.
פייכט איז געווען זיין פּנים,
דאָס פּנים פון דעם נביא אויפן באַרג.
ביים פוס באַרג כרמל
האָבן קעמלען געוואַרט
מיט לאַנגע, דורשטיקע העלדזער.
ביים פוס באַרג האָט דאָס פאָלק געוואַרט
מיט ליידיקע בעכערס און ליידיקע אויגן.
און דער מלך?
דער מלך האָט מיט צוגעמאַכטע אויגן
געגאַרט אויפן גערויש פון אַ רעגן.
און באַלד איז אויפן הימל געווען אַ וואָלקן,
טונקל און גרויס,
ווי דער נביא אליהו.
ס'האָט געדונערט,
ס'האָט געבליצט!
אַ רעגן האָט געגאָסן,
געליאַרעמט
און גערוישט!
מיטן נאָסן מלך אויף די אַקסלען
איז דאָס פאָלק אַנטלאָפן
אין אַ זינגענדיקן קנויל.
אויפן באַרג איז דער נביא
געבליבן אליין
מיט אַן אָפענער ברוסט
און אַן אָפן מויל.

די זון איז פאַרגאַנגען.
פאַרשוווּמען איז די לעצטע בלויטיקע כוואַליע
אין טייך קישון.
און ווידער זייגען גרייט געווען די פיש
מיט בורשטינענע אויגן
צו באַגעגענען די שטערן.
דער נביא האָט מיט די ליפּן
אָנגערירט די ערד,
מיט די טרוקענע הענט
ארומגענומען דעם באַרג.

און אַז ס׳איז אויפגעגאַנגען אַ וואָלקנדל
פון ים,
איז עס געווען ווי דעם נביאס האַנט,
איז עס געווען ווי דעם נביא פוס.

ס׳איז נישט מיין פענצטער

ס׳איז נישט מיין פענצטער,
ס׳איז נישט מיין ביסל שניי.
אין פרעמדן הויז וואַך איך,
אין אַ פרעמדער נאַכט,
אין אַ פרעמדן לאַנד בעט איך,
צו אַ פרעמדן גאָט.

פון וואַנען?
ווהין?
פרעגט אַ שטערן אין הימל —
נאָר איך שוויג,
ווי עס שווייגט אַ פאַרבלאָנדזשעטער בריוו.

ש מ ש ו ן

ס'איז געווען אין אַ שטילן פֿאַרנאַכט.
אויפֿן פֿענצטער האָט זיך געלאָשן
אַ קריגל האָניק,
אויפֿן טיש — אַ זאַלצמעסטל מיט זאַלץ.
דלילהס קני זײַנען ווײַס און רונדיק,
און שמשונס ליפּן
גראָב און טרויעריק.
אַלץ איז שוין געווען:
דאָס ווײַב,
דער לייב,
דער האָניק;
אויפֿן באַרג חרמון אין אַ פֿאַרטאָג
אַרויפֿגעטראָגן אויף די אַקסלען
די טויערן פֿון אַ שלאָפֿנדיקער שטאָט;
מיטן קינבאַק פֿון אַן אייזל
טויזנט מאַן געשלאָגן,
טאָלן געקושט
און בערג אויף די הענט געטראָגן.
אַלץ איז שוין געווען.
אָ, דו ווײַב פֿון טאָל שורק,
זע, איך בין שטאַרק,
נאָר איך בין טרויעריק.
לייז מיך אויס!
לייז מיך אויף!
זעסט מײַנע לאָקן?
שנייד זיי אָפּ!
בינד מיר די הענט,

בינד מיר די פיס!
איך וויל זיין אזוי ווי דו,
אזוי ווי אלע:
מורא האבן פארן לייב,
קניען פארן בארג!

אָ, דו ווייב פון טאָל שורק!
און שמשון האָט געקושט דלילהס קני,
און שמשון האָט געוויינט אויף אירע קני.

האַרבסט

עס קומען איצט די רעגנדיקע טעג.
די קארטאָפל האָט מען שוין
אויסגעגראָבן אין פעלד.
עס פאַלט אַראָפּ דער לעצטער בלאַט.
דער בוים שטייט נאַקעט
און גרייט פארן ווינט.
מענטש! אויב דו האָסט אַ היים,
וועסטו פארקלעפּן דיינע פענצטער
מיט קיט און מיט ליים
און אין די אויגן וועסטו אָנצינדן אַ לאָמפּ.

און ווער עס האָט נישט קיין היים,
וועט ברייטער עפענען די אויגן,
וועט מיטגיין מיט די וואָלקנס
פון לאַנד צו לאַנד
מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער
און מיט אַ ביינערדיקער האַנט —
ווער עס האָט נישט קיין היים.

וואַרשע 1939

די נאַכט איז קאַלט און ווייס.
פון צפון רוקט זיך אָן
דאָס גרויסע אייז.
דאָס לאַנד איז טויט.
ס'איז אויסגעגאַנגען אין פאַרגליווזטע אויגן
פון שטאַרבנדיקע פערד,
אין לעצטע פלאַמען פון ברענענדיקע הייזער.
דער לעצטער זעלנער
האָט אויסגעטאָן זיין שווערד
און געפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד.

דער שונא טרעט אריין מיט שווערע טריט,
דער שונא דונערט מיט הארטע ציין —
עס זאָל געשען!
עס זאָל זיין!!!

— — — — — — — — — — —

און אַ טויב מיט אַ הונט טרעפן זיך
ביים בויך פון אַ טויטן פערד —
דעם הינטן האָבן שוין מענטשן אויפגעגעסן.
אַ בלינדע אָפּגעברענטע קאַץ,
וויינט יאָמערלעך און וויינט —
נאָר ס'הערט זי קיינער נישט
אין דער שטאָט, —
נאָר ס'הערט זי קיינער נישט.

אבן דאַגאָן פון אַנדאַלוזיע

אבן דאַגאָן פון אַנדאַלוזיע,
דער לעצטער יידישער דיכטער
אויף דער שפּאַנישער ערד,
האָט אין טיפע בליענדיקע סעדער
געקושט דאָס פּנים פון זיין געליבטער.
ער האָט געזונגען:
בלומען וואַקסן אונטער דיינע טריט,
שיין ביסטו ווי די זון,
און ווי דער מאָרגנשטערן,
דו ביסט דאָס ליכט פון מיינע אויגן.

— איז געקומען דער גירוש.
מען האָט פאַרטריבן די יידן פון קאַסטיליע
און אַראַגאָן.
וועגן וואָס האָט דעמאָלט געזונגען
אבן דאַגאָן?
דאָ שווייגט די געשיכטע.
מען ווייסט נאָר,
טויזנטער האָבן זיך געלאָזן אין וואָגל,
אין אומבאַקאַנטע ווייטן.
טויזנטער זיינען פון הונגער געשטאָרבן,
טויזנטער — פון קעלט.
מערדער האָבן זיי געשאָכטן
און צוגערויבט זייער געלט.
און די וואָס זיינען לעבן געבליבן —
האָבן זיך געזעצט אויפן ראַנד פון די וועגן,
אויף דער גאָלער ערד,
און געוואַרט אויף משיחן:
ער האָט געזאָלט קומען
אין יאָר טויזנט פינחונדערט און דריי.

גרויסער בוים

גרויסער בוים אין דער נאַכט,
איך שלאָף נישט,
איך קען נישט איינשלאָפֿן,
כאָטש אַלע מיינע גלידער בעטן זיך
צו רו.

צי קומט ער נישט, דער כוליגאַן,
מיט אַ מעסער,
מיט אַ שטיין?
נאָר שאַ, ס'איז קיינער נישט.
ס'איז אַ הונט בלויז פאַרביי.
טיף אין דער נאַכט ליגט געבונדן
דאָס געשריי.
אין שפּיגל שווימט אַרום אַ גאַנצע
לבֿנה.

קומט אַ בעטלער אָן פון וועג

קומט אַ בעטלער אָן פון וועג

קומט אַ בעטלער אָן פון וועג,
קומט ער אָן מיט בלויע אויגן.
פּעטע קרעמער אין די קלייטן
מעסטן לייוונט,
וועגן מעל,
אויפן קלויסטער־שפּיץ די קראָ,
פּרעסט אַ וואָלקן נאָך אַ וואָלקן.
קומט אַ בעטלער אָן פון וועג,
קומט ער אָן מיט בלויע אויגן.

אַ קינד איז קראַנק

א קינד איז קראַנק,
בייגן בלומען די קעפּ אַראָפּ
שולדיק.
די טאַפּאַליע האָט אַרומגענומען מיט די הענט
דעם שטרויענעם דאַך,
און קוקט זיך אוים די אַלטע אויגן
אויפן וועג:
ס'איז פאַרטאָג דאָ אַדורכגעגאַנגען
אַ בעטלער
און דורכגעשניטן די נעפּלען.
די קוואָקע האָט אַרונטערגענומען אונטער אירע פליגלען
די פּופּצן גלע הינדעלעך —
און פרי געמאַכט נאַכט.
די קאַץ ליגט איינגענורעט אין אַ קנויל אין ווינקל
און מרוטשעט, מרוטשעט,
און דאָס בענקל אויף דריי פיס
האָרכט און חלומט.

גרין איז דער טייך

גרין איז דער טייך,
און ווו ענדיקט ער זיך?
מיינע שיך ווארטן ביים ברעג.
און אפשר זיינען זיי פייגל?
אין וואסער פלאפלען די פיש —
א וואלקן כאכעט אין ווינט.
און אפשר זיינען זיי פייגל? — —

פאר נאכט

איציק מאנגער

פאר נאכט וואלט יעדער בלאט
געוואלט א פויגל זיין —
גיי איך ארום מיט א קרוג אין דער האנט
און קלייב זייערע טרערן אריין.
אויפן טייך האבן שאטנס פון די ביימער
זיך ארומגענומען שוין,
און שטיל צונויפגעלייגט די קעפ,
באלד וועלן הינט זיך צעבילן,
און אויפשניידן דאס שווייגן
מיט לאנגע מעסערס ביז צום הימל,
באלד וועלן הינט זיך צעבילן —
ציטערט די קרוג אין מיין האנט.

מאַך אויף די טיר

מאַך אויף די טיר !
כ'האָב מורא.
צעעפֿן דאָס העמד אויף דיין ברוסט
און באַהאַלט מיין פּנים.
זע,
אַפילו די לבנה רייסט זיך
פֿון איר זילבערנער קייט
און וויל אַנטלויפֿן פֿון די וואָלקנס.
מאַך אויף די טיר ! —

ס'פּלאַטערן די וועגן

ס'פּלאַטערן די וועגן אויפֿן ווינט,
נאַכט.
ביימער לויפֿן מיט אויסגעשטרעקטע הענט
צום האָריזאָנט.
וועל איך זיך כאַפּן אויף די הענט,
און לויפֿן,
איילן,
צום רויטן האָריזאָנט.

די לעצטע שטיקער זון

א גרויער זאַק, אַ פּולער,
אויף אַ פרויען־פּלייצע —
הוידעט זיך דער פאַרנאַכט,
הוידעט זיך דורך וואַלד.
דאָס רויטע טיכל
אויפן טיף־געבויגענעם פרויען־קאָפּ
ברענט, ברענט.
און ווייסע, באָרוועסע פרויען־פיס
טראָגן אין דער נאַכט אַוועק,
די לעצטע שטיקער זון.

מ אַ מ ע

מאַמע,
דו האָסט פייער געמאַכט.
האָסט פון דאַרע שטיקלעך האָלץ
צעבלאָזן אַ זון.
דו הערסט ווי מיינע האָר שויבערן אַ דאַנק,
אַ דאַנק.
נאָר אין דרויסן וויינט נאָך אַלץ דער ווינט.
נעם אים, מאַמע, אין דיין שירץ אַריין,
און וויג אים איין.
דער ווינט, ער וועט דיר גלויבן,
און ווי אַ שעפּסל,
צומאַכן די אויגן.

האַרבסט

די שויבן זייִנען פאַרלאָפן —
פון פרייד, צי פון טרויער?
אין פרימאָרגנדיקע נעפּלען פאָרן זיך הינט,
שוואַרצע מיט ווייסע,
ווייסע מיט שוואַרצע.
אָרעם זייִנען די בעכערס פון די לעצטע בלומען
אין מייִן גאָרטן
נאָר ס׳קומען בינען מיט גאָלדענע רוקנס
און שטופּן זיך,
שטופּן.
וואָס וויל דער קאָטער מיט די גרינע אויגן?
וועמענס סוד היט ער אָפּ
ביי אונדזער טיר?
מיר קוקן זיך אָן ביידע
טיף און לאַנג.

און פאַר נאַכט —
שטייט אַ וואָגן,
שטייט אַ פערד —
אייִנגעשפּאַנט.
אייִנגעטונקט אין זון זייִנעם נאָך דעם פערדס פאָדערשטע פיס,
אַ האַלבער בויך
און דאָס אונטערשטע ראָד פון וואָגן.
אין ליידיקן געסל טו איך אויס מייִנע שיך
און נעם די לייצעס אין די הענט אַרייִן.

צושפעט

כ׳האָב נישט אויסגעהערט דעם רעגן
ביזן סוף,
כ׳בין איינגעשלאָפן.
און אַז כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט
איז שוין געווען צו שפּעט.

די בענקלעך האָבן זיך געסודעט
מיטן טיש.
דער טיש —
כ׳קען שווערן —
ער האָט אַ וואָלקן אויפגעגעסן,
ער האָט די ליפּן אָפּגעווישט.
דער אויוון האָט געבוקט זיך
צו מיין לאַטש.
אין גאָרטן האָבן די בלומען
אַראָפּגעבויגן שווערע קעפּ
אונטער די לעצטע טראָפּנס.

רויטע לאַטשן

כ׳בין געגאַנגען אין מאַרק אַריין
קויפן זיך גרינע פרי-מאָרגן לאַטשן,
טראָג איך אַהיים
רויטע לאַטשן.
דער קרעמער האָט געוואָלט אַזוי —
זיין געלער, קרומער צאָן.

אויף אַ וואַלקאַן

אויף אַ וואַלקאַן שווימט דיין קאָפּ אַוועק
גערעמט אין צער.
איך צי זיך אויס אין דער ברייט
פון די וועגן,
און די ווינטן יאָגן איבער מיר.
ווינטן, ווינטן,
וואַרט אַ ווײַלע!
די אַלטע ווערבע האָט זיך איינגעבויגן
איבערן טייך.
גאָט! פאַר וועמענס זינד
איז איר שאָטן
אַזוי איינגעהויקערט?

באַלד וועט עס געשען!

באַלד וועט עס געשען!
די קאַץ וועט זיך אַרומוויקלען
אַרום דעם אַלטן האַלדז פון דער ווערבע —
און אויסזויגן דאָס לעצטע ביסל בלוט.
גרין זיינען די אויגן פון דער קאַץ,
און ס'הענגען נאָך
אַ פּאָר געלע בלעטער אויפן בוים.

מײַן שוועסטער

מײַן שוועסטער ברענגט פון מאַרק אַהיים
פיש און פלייש.
זי נעמט אַרויס די אויגן ביי די פיש,
מיט דינע פינגער טאַפּט זי דאָס פעטס
אויפן פלייש, —
מײַן שוועסטער מיט די שאַרפע ציין.
נאָר ווען הינטער קומענס,
הינטער דעכער
פאַרגייט די זון,
אַ פרעמדער און גאָלדענער פעכער
לעשט זיך, גייט אויס
אויף די ווענט,
אויף דעם דיל, —
דרייט מײַן שוועסטער אויס דאָס פּנים:
טונקל זיינען איצט אירע אויגן, ווי ביר.
די רויטע בענדער אין איר טאָכטערס האָר
בליען אין פאַרנאַכט —
ווילדע שוואָמען,
מוכאָמאָרן!
מײַן שוועסטער כאַפּט אַ טוך אויף אירע אַקסלען,
זי לויפט אַרויס — אַוועק,
און קיינער ווייסט נישט ווו.

נאַרציזן וויאַנען

נאַרציזן וויאַנען,
און בעטלערס קומען צו אונדזער טיר —
זיי נעמען ברויט,
און לאָזן איבער אויף די שוועלן
גרויען שטויב.
אַ פרוי, אַ שוואַנגערע,
גייט פאַמעלעך דורך די גאַס —
און ס׳לעשט די זון זיך
אויף אַ נישט פאַרענדיקט הויז.
נאַרציזן וויאַנען.
וווהין גייען די פערד
מיט צוגעמאַכטע אויגן?
מיינע צעפּ שלעפּן מיך
אַראָפּ,
צו דער ערד.

פאַר די דאַרע הענט

פאַר די דאַרע הענט פון דער אָרעמקייט
האָב איך נישט קיין ברויט.
פאַר די דאַרע הענט
האָב איך אַ זילבערנעם רינג
אין העלע נעכט געשמידט.
די באָרוועסע פיס אירע,
די רויטע —
וועל איך אָנטאָן אין בלויע שיך,
פאַרקנעפּלען מיט שטערן ביז אַרויף,
און אַזוי
לאָזן אויף די וועגן.

די קאַץ וואַשט זיך

די קאַץ וואַשט זיך,
— ס׳וועלן קומען געסט —
זאָגט די מאַמע
און זי גלעט דאָס האַנטעך,
וואָס זי פּרעסט.
און איך גלעט די זון,
וואָס ציט זיך אויפן טיש,
און איך צי די הענט אויס
צו די געסט.
געקומען זיינען דריי באָבעס —
אין טיפע קאָפּקעס אויף די קעפּ,
טיפע פאַלדן אין די קליידער.
מיר זיצן אויף דר׳ערד.
די ברייטע ציבעלע זיצט אין בלומען־טאָפּ
און שמעקט.
אירע בלעטער זיינען גוט צו אַ געשוויר, —
זאָגט איין באָבע,
און זי הייבט פון שטויב אַרויס אַ פינגער.
איין באָבע האַלט אין שוים די קאַץ,
איין באָבע דרימלט.
די זון פאַרגייט.
די מאַמע גלעט נאָך אַלץ דאָס האַנטעך
וואָס זי פּרעסט.
זי קוקט אין פענצטער
און וואַרט אויף געסט.
אירע הענט ווערן גרויס,
פאַרנעמען שוין דעם גאַנצן טיש.

די זון האָט אָנגעצונדן מיינע שיך.
איך הויב זיך אויף,
איך גיי דער אַלטער שאַנק אַנטקעגן:
די אַלטע שאַנק קומט צו הינקען
מיט אַזוי פיל לעכער פון האָלצווערעם
און פון רעגן.

מערץ

ס'איז מערץ,
דער אַכט און צוואַנציקסטער.
ס'איז כמאַרעדיק,
ס'איז שטיל.
צוויי קאַרשן־ביימלעך
האָבן זיך געפונען אויף אַ וואָגן
און אַרומגענומען.
וווּ וועט דער פויער זיי פאַרפלאַנצן —
אויף דר'ערד?
אין הימל?
דער וועג צום דאָרף איז בלויער נאָך
פון פויערס אויגן.

ו ו ו ?

וו איז דאָס שיסעלע מיט מילך ?
די קאַץ בלאָנדזשעט פון דאַך צו דאַך.
די שוואַרצע קאַץ.
איר האַלדז איז ווייס
און ס׳איז פאַרנאַכט.
דער הימל ווערט טונקל,
דער בוים,
די קראָ,
די קרוג.
און מיין פנים ?
כ׳האָב אים אריינגענומען אין די הענט.
וו איז דאָס שיסעלע מיט מילך ?

פ ר י ל י נ ג ?

פרילינג ?
די גראָזן האָבן זיך צעלאַכט
אונטערן שניי,
אין מיין בלוט.
אַ בעטלער איז צו דער זון געגאַנגען
מיט רויטע ליפּן !
איך בין נאָכגעלאָפן דעם בעטלער,
אים אַנגערירט ביי אַן אויער,
ביי אַ האַנט,
געוואָלט פון אים אַ שטיקל ברויט ?
אַ גלעט ?
אַ טרויעריקער האָט ער מיך אָנגעקוקט
און איז אַוועק.

אַליין

כ׳וויל ווױנען אַליין אין אַ שטוב,
מיט צוויי פליגן,
איין קאַץ,
און דריי בלומען.
אין די פרימאָרגנס וועלן מיר זיך אױפכאַפּן
מיט בלויע אויגן
און זיך אָנרירן.
מיטאָג וועלן מיר כלעפּטשען
פון איין שיסל זון,
און אַז געסט וועלן קומען,
דער רעגן און די שפּין,
וועט די קאַץ דערציילן אַ מעשה פון אַ קאַץ.

און אין די אָוונטן?
גאָט, וואָס וועלן מיר טאָן,
אין די אויסגעשטערנטע
אָוונטן?

אָקטאָבער

אין אָקטאָבער רעדן מענטשן
שטילער און געפּרעסט.
שווערער ווערט דאָס וואַסער,
ברייטער — די קרוג.
עס טרינקט זיין שאָטן אוים
דער אַלטער בוים.
דער ברונעם שלעפּט אין דער טיפעניש אַראָפּ
מיך און דיך —
צייטיקער טרוים.

אין מיטן קערן

אין מיטן קערן
האָב איך אַרויסגעלאָזט דעם בעזעם,
און געבליבן שטיין
אין רויטן קלייד:
פייגל פלאַפלען.
די זון שיינט.
קי רופן זיך איבער
מיט פייכטן געשריי
פון ערד,
פון מערץ.
הינט בילן,
אין קלויסטער קלינגט.
די קאַץ שווייגט.
וואָס פאַר אַ קאָליר האָט דאָס געפּלאַפּל
פון די פייגל?
איך כאַפּ די קאַץ אויף מיינע הענט
און רייס ברייט פונאַנדער אירע אויגן.

ס׳האָט די גאַנדז איר קאָפּ באַהאַלטן

ס׳האָט די גאַנדז איר קאָפּ באַהאַלטן
אונטער ווייסע פליגלען.
אויסגעבויגן אין אַ האַלבן ראָד
איז איר לאַנגער האַלדז.
איר לאַנגער, ווייסער האַלדז, —
אַ שטילע בריק,
וווּ ס׳וואַקלט זיך דער טויט
אַהין און צוריק,
אַהין און צוריק.

יאַנואַר

זעקס הינט האָבן זיך געטראָפן
ביי איר טיר
און זיך צעוויינט.
זי וועט אַרויסקומען אָדער נישט?
דער ווייסער הונט
מיטן געלן פלעק אויפן רוקן
האָט זיך געזעצט אויף די הינטערשטע פיס
און ציטערט,
זיין דאַרער שאָטן ליגט אַ בלויער
נעבן אים אויפן שניי.
דער שוואַרצער הונט האָט געפונען אַ ביין,
זיינע אויערן פלאַטערן אין ווינט.
דער ברוינער הונט רירט זיך נישט
פון דער טיר.
דער פערטער,
דער פינפטער,
דער זעקסטער —
האַלדז נעבן האַלדז.
די נאַכט איז העל.
די קאָרע אויף די ווערבעס פּלאַצט,
אַלע שטערן זיינען אויפן אָרט.
דורך דעם פאַפרוירענעם טייך
גלאַנצן די גרינע אויגן פון דער דערטרונקענער:
זי וועט אַרויסקומען
אָדער נישט?

אָרעמע ווייבער אין וואַלד

קומען אָרעמע ווייבער אין וואַלד אַריין
שישקעס קלייבן אין די זעק,
בלייבן איבער אויפן מאָך
ווערטער,
וואָס גלאָצן צום הימל
מיט אָפּגרונטן פון שוואַרצע טעפּ
און הונגעריקע מיילער.

די אַכציקיאָריקע

זי האָט אַריינגענומען אירע אַכציק יאָר
אין די קנאָכיקע הענט
און האָט נישט, ווו זיי צו באַהאַלטן ;
דאָס ווייב פון יינגסטן זון
האָט שמאָלע אויגן.
און די פרילינגדיקע זון
האָט נישט ליב קיין אַכציקיעריקע
און קנייטשט זיך אויף איר פּנים.
זי האָט אַריינגענומען אירע אַכציק יאָר
אין די קנאָכיקע הענט
און האָט נישט ווו זיי צו באַהאַלטן.

אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן

אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן
שטייט אַ יינגל נעבן טייך.
אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן
וואַרט אַ וואָלקן אויפן יינגל.
טו איך אויס דאָס נייע קלייד,
לאָז עס שווימען אויפן טייך.
כ׳נעם דאָס יינגל ביי דער האַנט,
דעם וואָלקן נעם איך מיט —
און די ווערבע,
און די ווערבע,
לאָזן מיר אַליין ביים וועג.

א ו י ף ט ר ע פּ

כ׳בין געגאַנגען אויף טרעפּ —
ארויף.
ערגעץ מוז דאָך זיין אַ פענצטער,
וו מען קען אויסשטרעקן די הענט
צום ליכט.

אויף עפּעס אַ שטאָק
האָב איך באַגעגנט אַ פרוי, —
אַ לאַמע,
זי האָט זיך געשאַרט אַראָפּ,
אַראָפּ.

איך האָב זיך איינגעהערט אין פּוסטן קאָרידאָר
צו אירע טריט,
און בין אַ פאַרמשפּטע איר נאָכגעגאַנגען.

לידער פון יתומים-הויז

א

די עפּל ליגן שוין אין קעלער.
דער קאַשטאַן-בוים רוישט און רוישט
מיט לעצטע בלעטער צו מיין פענצטער:
דאָס וויפלטע ווייב האָט שוין טאָבטשיעס טאַטע
ערגעץ אין דער וועלט?
טאָבטשיעס הענטלעך ווערן אָפּגעפרוירן פרי —
אין סעפּטעמבער.

פרי פאַלן שנייען אראָפּ,
דעקן צו ס'יתומים-הויז,
דעם דאַך, די שוועל.
טירן ווערן ווייסער, העכער,
טירן אין יתומים-הויז.

אין אַ ווייס בעטל שלאָפט איין טאָבטשיע,
נעבן בעטל אירע שיכלעך,
אויפן בענקל איר קליידל,
איר גרוי, פאַרפרוירן קליידל.

ב

די שטובן זיינען פול מיט לבנה.
איך וואַנדער פון שטוב צו שטוב
און מאַך פאַמעלעך צו די טירן;
די קינדער האָבן מורא,
די קינדער אין יתומים-הויז.
זיי לויפן מיר נאָך מיט קליינע הענטלעך,
נאָך מיין קלייד,
נאָך מיינע צעפּ...
כ'וועל עפענען אַ פענצטער, —
וועלן נאָכפלאַטערן קינדערישע קעפּ,
דערנאָך וועט ווערן שטיל.

אויפֿן לעצטן שטאָק

אויפֿן לעצטן שטאָק
האָב איך געעפֿנט אַ טיר:
ביסטו דאָ,
ביסטו דאָ אין דערהיים,
מיין חברטע?
זי איז דאָ.
זי ליגט שוין אין בעט.
אירע זאַקן ליגן אין די שיך.
זי לייענט אַ בוך.
די נאַפֿט-לאָמפּ ברענט העל
אויף דער שטול.
„איך בין מיד",
זאָג איך שטיל ביי דער טיר.
„קום, טו זיך אויס,
וועסט היינט שלאָפֿן מיט מיר".
זי ציט אויס אַ נאַקעטע האַנט
און איך שלאָף איין
מיט מיין קילער באַק אויף איר אַקסל.

חלומט זיך מיר:
אויפֿן לעצטן שטאָק
האָב איך געעפֿנט אַ טיר:
ביסטו דאָ,
ביסטו דאָ אין דערהיים,
מיין חברטע?
זי איז דאָ,
זי ליגט שוין אין בעט.
אירע זאַקן ליגן אין די שיך.
זי לייענט אַ בוך.
די נאַפֿט-לאָמפּ ברענט העל
אויף דער שטול.

„איך בין מיד",
זאָג איך שטיל ביי דער טיר.
זי ציט אויס אַ נאַקעטע האַנט ...
און איך שלאָף איין
מיט מיין קילער באַק אויף איר אַקסל.

כ׳רייס אויס דאָס ווילד-גראָז

כ׳רייס אויס דאָס ווילד-גראָז
אין גאָרטן,
גענוג זון און זאַפט
זאָלן האָבן די קאַרטאָפל.
די זון זעט מיינע הענט,
ווערט שטיל אין מיר.
אַלע מיינע שלעכטע רייד
און געננ,
וואָס זיינען אַ גאַנצע נאַכט
געלעגן וואַך אין מיינע ברעמען,
ליגן אויסגעריסן,
טויט אין פרימאָרגן.

מיר פאָרן

די רעדער פון וואָגן
לויפן רונד דער לבנה אַרום.
די פּוס־טריט פון דעם פערד
מעסטן אויס חלומות,
מעסטן אויס חלומות
פון צעשראָקענע בעריאָזעס,
וואָס זיינען פון ווייכע היימען אַנטלאָפן
אויף איינזאַמע וועגן.

שטיל.
איינגעשלאָפענע הינט.
פון ליידיקע עמערס
טריפט די שטילקייט
אין די טיפע ברינעמער אַראָפּ.
מיר פאָרן.
אויף אַ שוועל פון אַ פאַרלאָשענעם שטיבל
שטייט אַ פרוי —
אומבאַוועגלעך,
אין ווייסן העמד.

א י נ ה אַ ל ט

ווענט

עס ציטערט דער ים — 7
וואָס שווימט דאָרט אויפן האָדסאָן — 7
ניו־יאָרק — 8
פון אַלע פנימער — 9
ווינקלען פיר — 10
אַ פרעמדער — 11
אויף אַ וואָקזאַל — 1955 — 12
ווענט — 13
כ׳ציי אויס זעם טאָג — 14
אָפּן לאָזן מיר, אָפּן — 15
אָפּטמאָל ברומט דער ווינט — 1957 — 16
מיין שכן — 17
גייסטער — 1959 — 18
אינדזלען — 19
ליידיקער סאָבוויי — 20
אַ בעטלער — 21
אַ נעגער איז איינגעשלאָפן — 21
דאָס ליילעך און דער פרעמדער — 22
גרויע נעגערס — 22
די עמפייער־בילדינג — 23
צו ווייטע האָפנס — 24
רויט ליכט — 24
אַ וואָרט אין טאָל — 25
ווען די פענצטער — 25
נס — 26
מיין תפילה צום קומען — 1960 — 27
די לבנה און דער שיכור — 28
כ׳וויל זיין אַ נעגערין — 29
די פאַרשטאָט — 30
ווינטער־ליד — 31
קומסט אמאָל ארויס פון סאָבוויי — 32
פאַרביגייער — 1961 — 33
בלינדע — 34
פייגל — 35
ליים־גרעבער — 1959 — 35
אַלטע זייגערס — 36
פרעמדע פאָטאָגראַפיעס — 36
שיפן — 37
שווייגנדיקע טירן — 38
דין זיינען די ווענט — 39
ביינאַכט אין ניו־יאָרק — 40
יענע גאַס — 41
די רויטע טיר — 42
מיין מאַמע און דער אויוון — 43
ס׳איז שפעט דאָס ליכט — 44
דורך אַ גלעזערנער טיר — 45
טירן עפענען זיך אַליין — 46
אין טונקעלן הויז — 47
שניי — 48
די בריק — 48
אַלץ איז גרייט — 49
שפיטאָל — 49
כ׳דערקען דאָס אָרט — 50
פרעג נישט קיין שטומען — 50

בלעטערן מיר דעם האַרבסט

געבוירן האָט מיך דער ווינט — 53
דער קעמל — 1959 — 54
אַלץ וועט געדענקען — 55
ס׳איז אַראָפגעפאַלן אַ שניי — 55
דער זומער איז געווען אַ הויכער — 56
פאַרגענגלעך זיינען מיינע שוועסטער — 57
ווען — 58

דער דונער — 1958 — 58
פאַרנאַכט — 59
שטיקער וועש — 60
די קרוגן — 61
אינדערהיים — 61
וואָס האָב איך געזוכט — 62
געלע בלעטער — 62
אַפּריל — 63
מאַנאַ־ליזאַ — 64
אין חלום בין איך אַמאָל שוין דאָ
געגאַנגען — 65
צעשאַר נישט מיט דיין שוך
די בלעטער — 66
און דיכטער שטאַרבן — 67
פאַרטראַכט זיינען די הערנער פון דער
ציג — 68
די ביימער וואָס מיין קינד צייכנט . . . —
1949 — 69
איך האָב דיך שוין לאַנג נישט
אַרומגענומען — 70
צו אַ דיכטער — 71
אַרום דער אַזיערע — 72
כ׳וואָלט געוואָלט — 73
מיין מאַנטל — 1959 — 74
פון אַלע וועגן — 75
שטייען אַזוי מיינע שוועסטער — 76
ווען ס׳וועט אַ וואָלקן — 77
דער דיאַלאָג — 78
איך הער נישט וואָס דו רעדסט — 79
אין רילקעס ליד — 1960 — 79
אַלץ טיפער בייגן זיך די ווערבעס — 80
אפעליאַס קלייד — 80
בלאַנדזשען אין דיר — 81
גרינע וועלדער — 81
פאַרן שפּיגל — 82
ווען דו שווייגסט — 82
איך וועל מיך אַרומהילן — 83
ביינאַכט — 1960 — 84
אַלע ביימער — 84
דער ווינט רייסט דעם לאָדן — 85
אַלץ טיפער בייגן זיך די ווערבעס — 86
אַדיע וועלדער — 87
איז געווען — 88
ס׳איז קאַלט די טויבן — 89
וואָלט איך — 90
איך הער נישט וואָס דו רעדסט — 91
פרוי — 92
דיינע שיך — 92
בלעטערן מיר דעם האַרבסט — 93
כ׳געדענק — 94
ס׳איז דער האַרבסט — 95
ווען די ביימער — 96
אַן עמער וואַסער — 97
ווי שפּעט איז ? — 98
די בעטלערין — 99
די אָרעמע — 100
אָרעמע מענטשן — 1951 — 100
ברויט פאַר די פייגל — 101
אַ רויטע האַרבסטיקע זון — 102
די לבנה — 103
די בערגלעך זיינען מיינע שכנים — 104
איך בין וואַסער — 105
די רויטע פאַרם — 106
צו בעטהאָווענס לבנה־סאָנאַטע — 107
הויערט אין טאָל אַ געשריי — 108

תפילה

תפילה — 111
גאָט האָט פאַרבאַהאַלטן זיין פּנים — 112
ס׳איז בלייך געוואָרן דאָס גראָז — 113
פון אַ וואָלקן קוקט אויף מיר די מאַמע — 114
איך וויל נאָך אַמאָל דאָ גיין
איבערן גראָז — 115
מיר לעבן ווייטער — 118
טייערע שכנים — 119
מיין שוועסטער חנה — 120
צוויי שטיינער — 121
דאָ האָבן דייטשן געלעבט — 122
ברענג מיר דאָס בלוט פון דעם שונא — 123

איך קען דיך נישט פאַרהיטן — 124
איז די לבנה אַ הונט — 124
די פידל — 125
ליידיקער פּאַרק — 126
אין וואַלד — 126
דאָרט ווי די סוויאגע — 127
מיין קינד קלאַפּט — 1943 — 128
דער וואַגאַבונד — 129
אין אַ פאַרטונקלטער שטאָט — 130
ווייט, ווייט איז דאָס שטעטל — 131
די פּאַרטיזאַנקע — 132
ווען עס פּאַלט אַ שטאָט — 133
אַ קינד — 135
צינד נישט אָן די לאָמפּ — 135
רואיק שלאָפט מיין קינד — 136
אין גאָרטן — 1946 — 137
די שיכלעך פון מיין קינד — 138

עס רופט אַ ווייטע האַנט מיך

די פרוי מיטן הונט — 141
גנבים — 142
וואו איז דער בלייבער קעלנער — 143
אַ מעשה — 144
האַרבסטיקע וועגן — 145
בערג — 1939 — 146
דער רעגן זינגט — 147
איך ווייס נישט וואָס עס טראַכטן — 147
וואוהין — 148
פּאַפּירענע בלומען — 149
דער רעגן און דער עפּלבוים — 150
עס רופט אַ ווייטע האַנט מיך — 150
ליידיקער פּאַרק — 151
אַז ס'איז מיר קאַלט — 152
מיין פעטער הערש — 153
כ'האָב ליב די בערגלעך — 154
ביבלישע נאַכט — 155
הגר אין מדבר — 1938 — 156
יצחקס ברכה — 157
דער נביא און דער רעגן — 158
ס'איז נישט מיין פענצטער — 159
שמשון — 160
האַרבסט — 161
וואַרשע — 1939 — 162
אבן דאַגאַן פון אַנדאַלוזיע — 163
גרויסער בוים — 164

קומט אַ בעטלער אָן פון וועג

קומט אַ בעטלער אָן פון וועג — 1935 — 167
אַ קינד איז קראַנק — 168
גרין איז דער טייך — 169
פאַרנאַכט — 169
מאַך אויף די טיר — 170
ס'פּלאָטערן די וועגן — 170
די לעצטע שטיקער זון — 171
מאַמע — 171
האַרבסט — 172
צו שפּעט — 173
רויטע לאַטשן — 173
אויף אַ וואַלקן — 1934 — 174
מיין שוועסטער — 175
נארציזן חיאַנען — 176
פאַר די דאַרע הענט — 176
די קאַץ וואַשט זיך — 1935 — 177
מערץ — 178
וואו ? — 179
פרילינג — 179
אַליין — 180
אָקטאָבער — 180
אין מיטן קערן — 181
ס'האָט די גאַנדז פאַרן טויט — 181
יאַנואַר — 182
אָרעמע ווייבער אין וואַלד — 183
די אַכציקיאָריקע — 183
אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן — 184
אויף טרעפּ — 184
לידער פון יתומים־הויז — 185
אויפן לעצטן שטאָק — 1936 — 186
כ'רייס אויס דאָס ווילד־גראָז — 187
מיר פאָרן — 188

פון זעלבן מחבר:

לידער

ביבליאָטעק פון יידישן פ.ע.נ.־קלוב, ווארשע, 1936.

דער רעגן זינגט (לידער)

ביבליאָטעק פון יידישן פ.ע.נ.־קלוב, ווארשע, 1939.

צו לויטערע ברעגן (לידער)

פארלאג „יידיש־בוך", לאָדזש, 1948.

דאָס דאָזיקע בוך איז אַן אָפּקלויב פון מיינע לידער אין רעטראָספּעקט, געשריבן אין די יאָרן 1933—1961.